ב"ה

# אין ליכט פון תורה

ספר

# עין יעקב

על מסכת

# נדה

בלשון הקודש ואידיש

**238**

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשמ"ו לפ"ק

בעזרת השם יתברך

# ספר
# עין יעקב
## מסכת נדה

כולל כל האגדות מתלמוד בבלי וירושלמי, הנמצאות במסכת נדה

עם פירוש רש״י בשלמותו והחדושים שנתוספו בו, ככל הנמצא בספר עין יעקב הגדול.

גם איזה מאמרים מתוספות מהרש״א, הרי״ף, ועיון יעקב.

גם ציוני הדפוס בש״ס, וציוני המקראות בתנ״ך, והגהות הב״ח.

ונוסף על זה פירוש עברי טייטש הנהוג במדינתנו.

**נעתק על ידי ה״ר יוסף מאיר יעב״ץ**
**מעתיק המשניות עברי טייטש.**

**הוצאת אמונה**
ברוקלין נוא יארק, שנת תשמ״ו לפ״ק

מביא את העפר שנאמר (שם) ועפר אחר יקח וטח את הבית ואין חבירו מטפל עמו בטיחה :

הכותל מבוהק בין שני בתים והוא אמרי בכלן אוי לרשע ואוי לשכנו אבל בטיחה כתיב וטח את הבית בלשון יחיד דיה נבותף שיסייע אותו בהבאת התקון אולם בהבאת העפר ולעבות שיהא יבא נעז"ב בלבד

והוא יתקן מעוותו ולא חטאו המפרשים לזכור מה טעם וטח את הבית הוא לבדו לפיתו מבואר מעצמו והוא כי אמר סמתם מגיעות מעבר אל עבר ר"ל שהן עונות מחיצה לביתו ולבית שכנו וגם השכן צריך אליהן על כן זה שישתתפו שניהם בהסרת כמנוגעים ובהבאת אחרות ואולם הטיחה שאינה כי אם לצד בית המנוגע לבדו אין ראוי שישתתף שכנו עמו בזאת המלאכה ואפשר שירמוז כי התופא צריך לקנות לב חדש ורוח הדשה דמיון וטח את הבית מה שאין צורך בו לשכנו :

## סליק מסכת נגעים

# סדר טהרות



(דף ה ע"ב) **א במה** הכרת העובר סומכוס אומר משום רבי מאיר שלשה חדשים ואע"ם שאין ראיה לדבר זכר לדבר שנאמר (בראשית לח) ויהי כמשלש חדשים וגו' זכר לדבר קרא כתיב וראיה גדולה היא משום דאיכא דילדה לתשעה ואיכא דילדה לשבעה :

ילדה לשבעה : שמא ניכר עוברה לשלש ימים דהיינו שני חדשים ושליש וע' בגמרא :

תניא

---

דיא שטיינער . אבער דיא ערד (דיא ליים) ברייננען דארף ראובן אליין . ווארום עס שטייט אין פסוק אנדערע ערד זאל ער נעמען (נאר איינער) . אונ בקלעבין די שטוב דארף ראובן אליין . ווארום עס שטייט אין פסוק ער זאל בקלעבין די שטוב (נאר איינער) . אונ זיין חבר שמעון דארף זיך ניט מטריח זיין ניט צו דיא ליים ברייננען אונ ניט צום בקלעבין דיא שטוב . אבער צום ארוים נעמען דיא שטיינער פון וואנט אונ ארוים צוא האקין דיא שטיינער מוז זיך שמעון אויך מטריח זיין . זעהן מיר אז עס איז וויא צום רשע (צוא ראובן . ווארום אנגע אין אשטוב קומט נאר דורך דיא עבירה פון לשון הרע) איז ווי צוא זיין שכן (צו שמעון) אויך :

## פרק ראשון

**א** במה . אז אאשה ווערט מעוברת ביז וויא לאנג דארערט מען זאל דער קענען . דאס קינד אלע זאלין וויסען אז זיא איז מעוברת . סומכוס זאגט פון רבי מאירס וועגין עס דאערט דריי חדשים . אפילו עס איז ניטא קיין געוויסע בעווייזונג צו דער זאך אז עס איז אזוי . אבער אביסול אבעווייזונג איז יא דא . ווארום עס שטייט אין פסוק ביי תמר אין דריי חדשים ווער נאך וויא תמר איז מעוברת געווארין האט מען גזאגט צו יהודה דיין שנור תמר איז מעוברת . ווארום צו דריי חדשים האבען שוין אלע דער קענט אז זיא איז מעוברת . פרעגט דיא גמרא איז דען דאס אביסול אבעווייזונג . עס שטייט דאך אזוי אין פסוק איז דאך דאס אגרויסע בעווייזונג אז צו דריי חדשים דער קענט מען דאס קינד . ענטפערט דיא גמרא וויל מען ווייס ניט וויא עס איז ; צו דאס קינד ווערט דער קענט איבעריג גליך צו דריי חדשים . סיי זיא גיבארט צו ניין חדשים אונ סיי צו זיבען חדשים . אדער דאס קינד ווערט דער קענט צו אדריטול פון דעם טראגין ; אויב ער דארף גיבארין ווערין צו ניין חדשים . ווערט ער דער קענט צוא דרייא

חדשים

(דף ט) **ב תניא** דם נעכר ונעשה חלב דברי ר"מ רבי יוסי אומר אבריה מתפרקין ואין נפשה חוזרת עליה עד כ"ד חודש א"ר אילעאי מ"ט דר"מ דכתיב (איוב יד) מי יתן טהור מטמא לא אחד ורבנן א"ר יוחנן זו שכבת זרע שהוא טמא ואדם הנוצר ממנו טהור ורבי אלעזר אומר אלו מי הנדה שהמזה ומזין עליו טהור ונוגע טמא והיינו דאמר שלמה (קהלת ז) אמרתי אחכמה והיא רחוקה ממני :

## כל היד פרק שני

(דף יג) **משנה** כל היד המרבה לבדוק בנשים משובחת ובאנשים תקצץ : **גמ'** מ"ש נשים ומ"ש אנשים נשים דלאו בנות הרגשה נינהו משובחת אנשים דבני הרגשה נינהו תקצץ אי הכי מאי איריא מרבה כי לא מרבה נמי כי קתני מרבה אנשים :

**ב תניא** רבי אליעזר אומר כל האוחז באמה ומשתין כאלו מביא מבול לעולם אמרו לו לר' אליעזר והלא ניצוצות נתזין על רגליו ונראה ככרות שפכה ונמצא מוציא לעז על בניו שהם ממזרים אמר להו מוטב שיוציא לעז על בניו שהם ממזרים ואל יעשה עצמו רשע שעה אחת לפני המקום :

**ג תניא** אידך אמר להן רבי אליעזר לחכמים אפשר יעמוד אדם במקום גבוה וישתין או ישתין בעפר תיחוח ואל יעשה עצמו רשע שעה אחת לפני המקום. הי אמר להו ברישא אילימא קמייתא אמר להו ברישא בתר דאמר להו איסורא הדר אמר להו תקנתא אלא הא אמר להו ברישא ואמרו ליה אין לו מקום גבוה ועפר תיחוח מאי אמר להן מוטב שיוציא לעז על בניו ואל יעשה עצמו רשע שעה אחת לפני המקום וכל כך למה מפני שמוציא שכבת זרע לבטלה דאמר ר' יוחנן כל המוציא שכבת זרע לבטלה חייב מיתה שנאמר (בראשית לח) וירע בעיני ה' אשר עשה וימת גם אותו. רבי יצחק ורבי אמי אמרו כאלו שופך דמים שנאמר (ישעיה נז) הנחמים באלים תחת כל עץ רענן שוחטי הילדים בנחלים

מ"ט דר"מ. כלומר מנ"ל לר"מ דם נעכר ונעשה חלב : טהור מטמא. חלב מדם : לא אחד. כתיב כלומר יחידו של עולם : ורבנן א"ר יוחנן. כלומר ורבנן דפליגי עליה דר"מ מאי קרא מאי עבדי ליה לכדר' יוחנן וכו' : אמרתי אחכמה. בטעם זה למה מזה ומזין עליו טהור ונוגע טמא והיא רחוקה ממני :

המרבה לבדוק. שבודקת תמיד שמא ראתה : בנשים משובחת. שמתוך כך לא אתי לידי ספק טומאה ובעלה לא אתי לידי איסורא : ובאנשים. שבודק עצמו הדיר באמתו שמא יצא ממנו קרי : תקצץ. שמתחמם ומרגיש כשממשמש באמה ומוציא שכבת זרע לבטלה : הרגשה. שמזדעזעין אבריו כשמתחמם ורואה קרי : אנשים. משובחת דקתני קאי אמרבה אבל בקצץ דאנשים אפילו הכא זמנא : כאלו מביא מבול לעולם. שעבירה זו היתה בידם דכתיב כי השחית כל בשר ואמרינן ברותחין קלקלו : ניצוצות נתזין. שאינו אוחז ואינו מטיל למקום : ככרות שפכה. כריה אין ניתזי רגליו עושין כיפה :

איסורא. אסור לאחוז ואפילו א"א לו בענין אחר אע"פ שמוציא לעז כדקתני מוטב שיוציא לעז וכו' : תקנתא. יעמוד על גגו עפר תיחוח דמשמע דאי ליכא הני יאחז באמה : הנחמים באלים. שמתחממים בעגלות במדורה גדולים כלומר בעלי תאוות : באלים. כמו תחת האלה :

תרשים. אונ אויב ער דארף גיבארין ווערין צו זיבען חדשים ווערט ער דער קענט צוא צוויא חדשים מיט צעהן טאג. אונ תמר האט גיבארין צוא ניין חדשים דריב ער איז דאס קינד דער קענט גיווארין צו דריי חדשים :

**ב** תניא. מיר האבען גילערנט ביא אשה וואס זייגט אקינד ווערט אירע ברוסט פערוואנדעלט אין מילך. אזוי זאגט רבי מאיר. רבי יוסי זאגט אירע גלידער ווערין צוא נומען אונ זיא קומט ניט צוריק צו אירע קרעפטין ביז פיר אונ צוואנציג חדשים. רבי אילעאי זאגט פון וואנען וויים רבי מאיר אז דיא ברוסט ווערט פערוואנדעלט אין מילך. ווארום עס שטייט אין פסוק ווער קען געבין פון טהור טמא ומילך פון ברוסט נאר גאט וואס ער איז איינער. אונ דיא רבנן זאגין טהור פון טמא מיינט מען אזוי וויא רבי יוחנן האט גזאגט. דיא שכבת זרע איז טמא אונ דער מענטש וואס ווערט בשאפין פון דיא שכבת זרע איז טהור. אונ רבי אליעזר זאגט דאס מיינט מען די וואסער וואס איז צו מישט מיט דיא אש פון דיא פרה אדומה. דער מענטש וואס שפריצט די וואסר. אונ דער מענטש וואס מען שפריצט אויף איהם דיא וואסער. ווערין טהור. אונ דער וואס רירט אן דיא וואסער איז ער טמא. דאס איז וואס שלמה המלך

בנחלים תחת סעיפי הסלעים אל תקרי שוחטי אלא סוחטי רב אסי אמר כאלו עובד ע"ז כתיב הכא תחת כל עץ רענן וכתיב התם (דברים יב) על ההרים הרמים ותחת כל עץ רענן:

ד רב יודא ושמואל הוו קיימי אאיגרא דבי כנישתא דשף ויתיב בנהרדעא אמר ליה רב יהודה לשמואל צריך אני להשתין אמר ליה שיננא אחוז באמתך והשתן לחוץ. היכי עביד הכי והתניא ר"א אומר כל האוחז באמתו ומשתין כאלו מביא מבול לעולם אמר אביי עשאו כבולשת דתנן בולשת שנכנסה לעיר בשעת שלום חביות פתוחות אסורות סתומות מותרות בשעת מלחמה אלו ואלו מותרות לפי שאין להם פנאי לנסך אלמא כיון דבעיתי לא אתי לנסוכי הכא נמי כיון דבעיתי לא אתי להרהורי והכא מאי ביעתותא איכא אבע"א ביעתותא דליליא ודאיגרא ואבע"א ביעתותא דרביה ואבע"א ביעתותא דשכינתא ואבע"א אימתא דמריה עליה דקרי שמואל עליה אין זה ילוד אשה ואבע"א נשוי הוה דאמר רב נחמן אם היה נשוי מותר ואבע"א כי הא אורי ליה דתני אבא בריה דרבי בניסין בר חייא דמסייע בביצים מלמטה ואבע"א כי הא אורי ליה דאמר רבי אבהו אמר רבי יוחנן גבול יש לו מעטרה ולמטה מותר מעטרה ולמעלה אסור:

דשף ויתיב. שם מקום הישוב במלכות נהרדעי מפני מורי הזקן: השוו נאמר. שלא יפלו מים על הגג: עשאוהו. לאו דרב יהודה: כבולשת. בולשת חיל שמחפשין ובוזזין כדמתרגמינן ויחפש ובלש: דליליא. ומתירא שלא יפול: דרביה. שמורא: דשכינה. שורה בבית הכנסת: אימתא דמריה. הקב"ה ואפילו במקום אחר נמי שרי לדידיה: עטרה. שפה גבוהה המקפת את ראש הגיד: מעטרה ולמטה. לצד הגוף:

וירע. אלמא מיקרי רע: וכתיב לא יגורך. לא יגור עמך רע: ביד. מוציא זרע לבטלה:

קשים לישראל כספחת. שאין בקיאין במצות ומביאין פורענות ועוד שמא למדין ישראל ממעשיהם מפני מורי הזקן וי"א שכל ישראל ערבים זה בזה ולאו מלתא היא שלא נתערבו בשביל הגרים דאמרינן במסכת סוטה נמצא לכל אחד מישראל ת"ר אלף ושבעת אלפים ותק"ן בריתות שכולן נתערבו זה בזה אלמא לא נתערבו על הגרים: כספחת. דכתיב נגרים ונלוה הגר עליהם ונספחו על בית יעקב לשון ספחת: בני סקילה נינהו. ואת אמרת מעכבים את המשיח והן לא הלא במיתה הן נידונין: דרך אברים. כיון שכבת זרע לבטלה והיינו משכב זכור דבמשכב זכור כתיב משכבי אשה: דנסיבי קטנות. והוא ראוי להוליד נמצא כטל משחית זרעו כל ימי קטנותה: בגוף. שם חדר כי גוף שם מקום המיוחד לנשמות שעתידים להיות נולדים: כי רוח. ברוחות שלפני שנזדמנו להיות נולדים קודם: יעטוף. מעכב את הגאולה דקרא בגאולה כתיב כי לא לעולם אריב ולא לנצח אקצוף וגומר. ונשמות אשר אני עשיתי יעטוף מסיפיה לרישיה מדריש. יעטוף כמו העטופים ללבן:

(ע"ב) ה אמר רב המקשה עצמו לדעת יהא בנידוי ולימא אסור דקמגרי יצר הרע אנפשיה ורבי אמי אמר נקרא עבריין שכך אומנתו של יצר הרע היום אומר לו עשה כך ולמחר אומר לו עשה כך ולמחר אומר לו לך ועבוד ע"ז והולך ועובד. איכא דאמרי אמר רבי אמי כל המביא עצמו לידי הרהור אין מכניסין אותו במחיצתו של הקב"ה כתיב הכא (בראשית לח) וירע בעיני ה' וכתיב התם (תהלים ה) כי לא אל חפץ רשע אתה לא יגורך רע אמר רבי אלעזר מאי לא יגורך רע לא יגור במגורך רע. וא"ר אלעזר מ"ד (ישעיה א) ידיכם דמים מלאו אלו המנאפים ביד. תנא דבי רבי ישמעאל (שמות כ) לא תנאף לא תהא בך ניאוף בין ביד בין ברגל. ת"ר הגרים ומשחקים בתינוקות מעכבים את המשיח בשלמא גרים כר' חלבו דא"ר חלבו קשים גרים לישראל כספחת אלא משחקים בתינוקות מאי היא אילימא משכב זכור בני סקילה נינהו אלא דרך אברים בני מבול נינהו אלא דנסיבי קטנות דלאו בני אולודי נינהו דא"ר אסי אין בן דוד בא עד שיכלו כל הנשמות שבגוף שנאמר (ישעיה נז) כי רוח מלפני יעטוף ונשמות אני עשיתי:

ו תניא רבי טרפון אומר כל המכנים ידו למטה מטבורו תקצץ אמרו לו לר' טרפון ישב לו קוץ בבריסו לא יטלנו אמר להן לא והלא כריסו נבקעת מפני הקוץ אמר להם

מוטב

---

דאס גזאגט איך האב גימיינט איך וועל קלוג ווערין אונ וועל פר שטיין דיא דינים פון דיא פרה אדומה. אונ דס איז ווייט פון מיר איך זאל דאס פאר שטיין:

ו תניא. מיר האבען גילערנט רבי טרפון זאגט דער וואס האלט זיין האנט אויף דעם בויך נידעריגער וויא דער נאפיל. וואלט גלייכער גיוועזען מען זאל איהם דיא האנט אפ האקין.

האבען

מוטב תבקע כריסו ואל ירד לבאר שחת. (דף יד) תנא רוכבי גמלים כולם רשעים הספנים כולם צדיקים החמרים סהם רשעים כהם צדיקים ריב"ל לייט אמאן דתני אפרקיד וכו':

(דף מו ע"ב) ז א"ר יוחנן אסור לאדם שישמש מטתו ביום אמר רב המנונא מאי קראה שנא' (איוב ג) יאבד יום אולד בו והלילה אמר הורה גבר לילה ניתן להריון ויום לא ניתן להריון ריש לקיש אמר מהכא (משלי יט) בוזה דרכיו ימות. ור"ל האי קרא דר' יוחנן מאי דריש ביה מיבעי ליה כדדריש ר' חנינא בר פפא דדריש ר' חנינא בר פפא אותו מלאך הממונה על ההריון לילה שמו ונוטל הטפה ומעמידה לפני הקב"ה ואומר לפניו רבש"ע טפה זו מה תהא עליה גבור או חלש חכם או טפש עשיר או עני ואלו רשע או צדיק לא קאמר כרבי חנינא דא"ר חנינא הכל בידי שמים חוץ מיראת שמים שנא' (דברים י) ועתה ישראל מה ה' אלהיך שואל מעמך כי אם ליראה ור' יוחנן א"ב נכתוב

רוכבי גמלים. הרוכב מתחממין בבשר הגמל ומוליד זרע: כולם צדיקים. שדרים בסכנה ולבם לאביהם שבשמים: אפרקיד. פניו למעלה וגבותו הוא כפעמים כיתקשה אבל הוא שותו ויתגלה ועוד שידיו מונחות לו על אברו ומתחמם:

בוזה דרכיו. המשמש כמו דרך גבר בעלמה והמשמש ביום בא לידי בזיון במה יראה בה דבר מגונה ומתגנה עליו: הכל בידי שמים. כל מחזקיו וקורות של אדם הכל לו בגזרת מלך חוץ מזו: כי אם

---

האבען דיא חכמים גזאגט צו רבי טרפון אויב אשטיקעל הארץ האט זיך אריין געשטעקט אין זיין בויך נידעריגער וויא דער נאפיל. זאל ער נישט טארין ארויס נעמען דיא שטיקעל הארץ. וויל מען טאר ניט האלטען דיא האנט אויף דעם בויך נידעריגער וויא דער נאפיל. הט רבי טרפון גזאגט מען טאר טאקי ניט ארויס נעמען די שטיקעל הארץ פון בויך. האבין די חכמים גזאגט צו רבי טרפון וועט דאך דער בויך צו שפאלטין ווערין פון דעם שטיקעל האלץ. הט רבי טרפון גזאגט בעסער זאל איהם צו שפאלטין ווערין דער בויך. אונ ער זאל ניט האלטין די האנט אויף דעם בויך. וייל טאמער וועט ער טראכטין פון זנות. וועט ארויס גיין זרע וועט ער האבען גיהנם. מיר האבען גילערונט דיא מענטשין וואס רייטען אויף קעמלען זענען אלע רשעים. וייל דיא מילה ווערט דער ווארעמט פון דעם קעמיל. גייט ארויס פון איהם זרע. די שיפערס זענען אלע צדיקים. וייל זייא זענען שטענדיג אין סכנה. דינען זייא צו גאט. דיא מענטשין וואס רייטין אויף אייזלען אנדערע פון זייא זענען רשעים אונ אנדערע זענען צדיקים. רבי יהושע בן לוי הט גיפלוכט דעם מענטש וואס ליגט אויף זיינע פריצעס ווען ער שלאפט. וייל דער רוקען ווערט דער ווארעמט גייט ארויס זרע:

ז אמר רבי יוחנן האט גזאגט אמענטש טאר ניט משמש המטה זיין בייא טאג. רב המנונא זאגט דאס ווייסען מיר פון דעם פסוק איוב האט גזאגט עס זאל פאר לארין ווערין דער טאג וואס איך בין אין איהם גיבארין גיווארין. אונ עס זאל פאר לארין ווערין די נאכט וואס דער מאן וויין פאטער האט מעוברת גימאכט מיין מוטער. די נאכט איז גיגעבין גיווארין די אשה זאל טראגין ווערין. אבער דער טאג איז ניט גיגעבין גיווארין אאשה זאל טראגין ווערין. ריש לקיש זאגט דאס ווייסען מיר פון דעם פסוק דער וואס פאר שעמט זיינע וועגין ווער איז משמש המטה ביי טאגו וועט ער שטארבין. פרעגט די גמרא וואס דרשת ריש לקיש פון דעם פסוק וואס רבי יוחנן האט גיברייננט. ענטפערט דיא גמרא דעם פסוק דארף מען אזוי ווי רבי חנינא בר פפא האט גידרשת. דער מלאך וואס גיט אכטונג אויף דעם מעוברת ווערין. ער הייסט לילה. אונ ער נעמט דעם טראפין זרע אונ שטעלט איהם פאר גאט. אונ דער מלאך זאגט פאר גאט רבונו של עולם וואס פאר אמענטש וועט גיבארין ווערין פון דעם טראפין. אשטארקער אדער אשוואכער. אקלוגער אדער אנאר. ארייכער אדער א רעמער. אונ ארשע אדער צדיק פרעגט ניט דער מלאך. אזוי וויא רבי חנינא האט גזאגט אלע זאכען וואס עס טרעפט אויף אמענטשין איז מען פריער גוזר אין הימעל. נאר צו דער מענטש זאל זיין אצדיק אדער ארשע דאס איז מען אין הימעל ניט גוזר. נאר דער מענטש טוהט וויא ער וויל, אזוי וויא עס שטייט

נכתוב קרא גבר הורה מאי הורה גבר לילה ניתן להריון ויום לא ניתן להריון . ור' יוחנן האי קרא דר"ל מא דריש ביה מיבעי ליה לדכתיב בספר בן סירא ג' שנאתי וד' לא אהבתי שר הנרגל בבית המשתאות ואמ"י לה שר הנרגן (ואמרי לה שר הנרגז) והמושיב שבת בטרומי קרת והאוחז באמה ומשתין מים והנכנס לבית חבירו פתאום אמר רבי יוחנן ואפילו לביתו . אר"ש בן יוחאי ד' דברים הקב"ה שונאן ואני איני אוהבן הנכנס לביתו פתאום ואצ"ל לבית חבירו והאוחז באמה ומשתין מים (דף יז) והמשתין מים ערום לפני מטתו והמשמש מטתו בפני כל חי אמר ליה רב יהודה לשמואל ואפי' לפני עכברים א"ל שיננא לא אלא כגון של בית פלוני שמשמשין מטותיהם בפני עבדיהם ושפחותיהם ואינהו מאי דרוש (בראשית כב) שבו לכם פה עם החמור עם הדומה

יורתה . דבר זה לבוו הוא שואל ממך לפי שהכל בידו והכל בידך : מאי הורה גבר . מדסמך הריון ללילה ש"מ למדרש דכי לילה ניתנה להריון ולא יום מדאסמכיה קרא שמעיק לדרבי יוחנן ומגופא דקרא שמעיק להא דרב יהודה כר פפא : מיבעי ליה כו'. והיינו כזה דרכיו שמגנה עלמו שמליזין עליו כדי שפלינס כתכנגו : שר . תלמיד חכם : הנרגל . רגיל : מגן . מרבה דברים : ואמרי לה נרגז . כועס ומלחה כגגל ומתכבר : והמושיב שבת . לתלמידים : ברומי קרת . א' שגרלה מגסי הרוח . ועוד שמפסיקין אוהם עוברי דרכים : ואפילו לביתו . דלמא עבדי

---

שטייט אין פסוק אונ איצט יודען וואס בעט נאט ביי דיר נאר דוא זאלסט מורא האבען פאר איהם ; ווייל דאס איז ביי דיר אין האנט . אונ רבי יוחנן זאגט אז דער פסוק וואלט נאר שמועסין פון דעם מלאך . האט גיבארפט שטיין אין פסוק ולילה אמר גבר הורה . דער מלאך פון דיא מעוברתה וואס ער הייסט לילה זאגט ער פאר גאט אונ פרעגט איהם וואס דער מענטש וועט זיין ; אז עס שטייט אבער ולילה אמר הורה גבר . שטייט דער ווארט לילה נאנט צו דעם ווארט הורה . צו דרשנען לילה הורה . ביי נאכט דארף אשה מעוברת ווערין . אבער זיא זאל ניט מעוברת ווערין ביי טאג . ווייל ביי טאג טאר מען ניט משמש המטה זיין ; פרעגט דיא גמרא אונ וואס דרשת רבי יוחנן פון דעם פסוק וואס ריש לקיש הט גיבריינגט . ענטפערט די גמרא רבי יוחנן דרשת אזוי וויא בן סירא האט גזאגט . דריי האב איך פיינט אונ דעם פערטין האב איך ניט ליב . דעם שר הנרגל בבית המשתאות (אתלמיד חכם וואס איז גיוואונט צו גיין אויף אלע שמחות . אויף אברית אדער אויף אחתונה) האב איך פיינט . אנדערע זאגין אזוי האט בן סירא גזאגט דעם שר הנרגן (אתלמיד חכם וואס רעט פיל) האב איך פיינט . אנדערע זאגין אזוי דאס בן סירא גזאגט . דעם שר הנרגז (אתלמיד חכם וואס איז אכעס) האב איך פיינט . אונ דער רבי וואס מאכט אישיבה מיט תלמידים אויף דיא גאס וואו פיל מענטשין גייען . איהם האב איך אויך פיינט . ווייל דאס איז גרויסקייט . אלע זאלין זעהן וויא ער לערונט . אונ דער וואס האלט דיא מילה אין האנט אונ איז משתין . איהם האב איך אויך פיינט . אונ דעם פערטין האב איך ניט ליב . דער וואס גייט אריין צו זיין חבר אין שטוב פלוצלונג . רבי יוחנן זאגט אפילו צו די"ן אין שטוב זאל אויך אמענטש ניט אריין גיין פלוצלונג . נאר פריער זאל ער אן קלאפין אין דיא טיר . טאמער טוהט מען עפעס אזוי אזאך וואס ער דארף ניט זעהן אונ ניט וויסען . רבי שמעון בן יוחאי הט גזאגט פיר זאכען האט גאט פיינט . אונ איך האב זייא אויך ניט ליב ; דער וואס גייט אריין פלוצלונג אין זיין שטוב האט איהם גאט פיינט . אונ אז ער גייט אריין פלוצלונג אין זיין חברס שטוב האט איהם גאט געווים פיינט . אונ דער וואס האלט אין האנט די מילה ווען ער איז משתין . אונ דער וואס איז משתין נאקעט פאר זיין בעט . אונ דער וואס איז בועל זיין ווייב ווען לעבעדיגע זענען דא אין שטוב . האט רב יהודה גזאגט צוא שמואל אפילו פאר לעבעדיגע מייז טאר אויך ניט אמאן בועל זיין זיין ווייב . הט שמואל גזאגט צו רב יהודה דוא למדן איך מיין נאר ווען לעבעדיגע מענטשין זענען דא אין שטוב טאר ניט אמאן בועל זיין זיין ווייב . אזוי וויא מען טוהט ביי יענעם מענטש אין שטוב . דיא מאנען זענען בועל זייערע ווייבער ווען זייערע קנעכט אונ זייערע דינסטען זענען דא אין שטוב . אונ פאר וואס טוהען זיי אזוי . ווייל עס שטייט אין פסוק אברהם . הט גזאגט צו זיינע קנעכט ויצט איינ

ביאוכט

הדוסה לחמור רבה בר רב הונא מקרקש זגי דכילתיה אביי באלי דידבי רבא באלי פרוחי :

**ח** א"ר שמעון בן יוחאי חמשה דברים הן שהעושה אותן מתחייב בנפשו ודמו בראשו האוכל שום קלוף ובצל קלוף וביצה קלופה והשותה משקין מזוגין שעבר עליהן הלילה והלן בבית הקברות והנוטל צפרניו וזורקן לרשות הרבים והמקיז דם ומשמש מטתו. אוכל שום קלוף וכו' ואע"ג דמנחי בסילתא ומציירי והתימי רוח רעה שורה עליהן ולא אמרן אלא דלא שייר בה עיקרן או קליפתן אבל שייר בה עיקרן או קליפתן לית לן בה. והשותה משקין מזוגין שעבר עליהן הלילה א"ר יהודה אמר שמואל והוא שלנו בכלי מתכות א"ר פפא וכלי נתר ככלי מתכות דמי. והלן בבית הקברות

כדי

מידי דלגיעותא : מקרקש זגי. פעמונים התלויין בכילה שבכניס מטהו מקרקשן כעת הבמים לבור בני ביהו מכס : באלי דידבי מגרש הזבובים שלא לבמש מטהו בפני כל חי : פרוחי. יתושים : דמו בראשו. נענש על עצמו והוכח דמו נדרבת ממנו לאחר מיתתו ונראה לדבר ודמו בראשו דמרגלים הוכח דמו יהא מוטל בראשו : ומתחייב בנפשו. כלומר הוא גורם לעצמו : שעבר עליהם הלילה. אכולהו קאי אשום ובצל ומשקין : בסילתא. סל : עיקרן. שערות שבראש השום והבצל : רוח

דא מיט דעם אייזיל. האט ער גיהאלטען זיינע קנעכט גבי יך מיט דעם אייזיל. אונ ביא זיי איז אויך אזוי. וואס זייערע קנעכט אונ דינסטען גייען ארום אין שטוב איז ביי זיא גליך וויא אייזלען וואלטין גיוועזען אין שטוב: דריבער שעמען זייא זיך נים בזעל צו זיין זייערע ווייבער פר זייערע קנעכט אונ דינסטען. רבה בר רב הונא האט גימאכט גלעקלאך ביי דיא פארהאנגען וואס ארום זיין בעט. אונ אז ער האט גיוואלט בזעל זיין זיין ווייב האט ער גיקלונגען מיט די גלעקלאך דיא מענטשין זאלין אוועק גיין פון שטוב. אביי ווען ער האט גיוואלט בזעל זיין זיין ווייב האט ער אוועק געטריבען אפילו דיא פליגען פון זיין בעט. עס זאל נים זיין קיין לעבעדיגע זאך. רבא ווען ער האט גיוואלט בזעל זיין זיין ווייב האט ער אוועק געטריבען אפילו די יתושים וואס זענען נאך קלענער ווי פליגען פון זיין בעט :

**ח** אמר. רבי שמעון בן יוחאי האט גיזאגט פינף זאכען זענען דא אז אמענטש טוהט ואפילו איינע פון זייא הרגת ער זיך אליין: אונ נאך זיין שטארבין ווערט ער גישטראפט פאר וואס ער האט זיך אליין גיהרגת. אונ דס זענען די פינף זאכען. אז ער עסט קנאביל אפ גישיילטע וואס זענען גילעגין אפ גישיילט אגאנצע נאכט. אדער ער עסט אציבעלע אאפגישיילטע. אדער אאיי אאפגישיילטע. וואס זענען גילעגין אפ גישיילט אגאנצע נאכט. אדער ער האט צו מישט משקה מיט וואסער אונ זייא זענען גישטאנען אגאנצע נאכט אונ מארגין טרינקט ער דיא משקה. אונ דער וואס נעכטיגט אגאנצע נאכט אויף דעם בית הקברות. אונ דער וואס שניידט אפ זיינע נעגיל אונווארפט זייא אין גאס. אונ דער וואס מען עפינט איהם אאדער אונ באלד נאך דעם איז ער משמש המטה. זאגט דיא גמרא קנאביל אדער ציבעלע אדער אאיי וואס זענען גילעגין אפ גישיילט אגאנצע נאכט אפילו זייא זענען גילעגין אין אקארב צו גידעקט אונ פר בונדען אונ פאר תתמת פון דעסטוועגין רוהט אויף זייא אשלעכטער לופט אונ זייא ווערין קאליע. אונ דער מענטש וואס עסט זייא הרגת זיך אליין. דאס איז נאר אז אויף דיא קנאביל אונ אויף דיא ציבעלע איז נים געבליבען דיא האר וואס אויף דיא קעפלאך. אדער אשטיקיל שאלאכין איז אויך נים געבליבען. זייא זענען גיוועזען אפ גישיילט אין גאנצין. אבער אז עס איז געבליבען פון הויבין דיא האר וואס אויף דיא קעפלאך. אדער עס איז געבליבען אביסעל שאלאכין. זייא זענען נים גיוועזען אפ גישיילט אין גאנצין. מעג מען דאס עסין. אונ דער וואס טרינקט משקה וואס איז צו מישט גיווארין מיט וואסער נעכטין אונ עס איז אזוי גישטאנען אגאנצע נאכט הרגת ער זיך אליין. האט רב יהודה גיזאגט פון שמואלס וועגין דאס איז נאר אז דיא משקה האט גינעכטיגט אין אכלי פון מתכות וואלד זילבער מעש קופער אייזין צין בלייא. אדער אנדערע זאכען וואס ווערין גישמאלצען. רב פפא זאגט אכלי פון נתר ואזעלכע שרבן איז אויך גליך צו אכלי פון מתכות. אבער אז עס האט גינעכטיגט אין איין אנדער כלי.

מעג

טומאה. כמדה הלים שקורין גרמנטי"ר בלעז את העינים : בגנוסטריה. מספריים : חסיד. עדיף מלדיק כשקוברם איכא למיחש דהדרי ומגלי: ויתקין. חלבים : בעלי ראתן. חלש יותר מלאי שיש להם סרן במות: כדאמרינן בכתובות :

כדי שתשרה עליו רוח טומאה וזמנין דמסכנין ליה והנוטל צפרניו וזורקן לרשות הרבים מפני שאשה מעוברת עוברת עליהן ומפלת ולא אמרן אלא דשקיל בגנוכטריה ולא אמרן אלא דשקיל דידיה ודכרעיה ולא אמרן אלא דלא גז מידי בתרייהו אבל גז מידי בתרייהו לית לן בה ולא היא לכולא סלהא חיישינן. ת"ר ג' דברים נאמרו בצפרנים שורפן הסיד קוברן צדיק זורקן רשע. והמקיז דם ומשמש מטתו דאמר מר הקיז דם ושמש מטתו הויין לו בנים ויתקין הקיזו שניהם ושמשו הויין לו בנים בעלי ראתן אמר רב ולא אמרן אלא דלא טעים מידי אבל טעים מידי לית לן בה :

**ט אמר** רב חסדא אסור לו לאדם שישמש מטתו ביום שנאמר (ויקרא יט) ואהבת לרעך כמוך מאי משמע אמר אביי שמא יראה בה דבר מגונה ותתגנה עליו א"ר

---

מעג מען דיא משקה טרינקען. אונ דער וואס נעכטיגט אויף אבית הקברות עס זאל אויף איהם רוהען אגייסט פון טומאה. הרגת ער זיך אליין. ווארום אמאהל ברייגגען איהם דיא שדים אין אסכנה. אונ דער וואס שניידט אפ זיינע נעגיל אונווארפט זייא אין גאס ברייגגט ער אמענטשין אין אסכנה. ווייל עס קען זיין אאשה וואס איז מעוברת וועט אריף טרעטין אויף דיא נעגיל וועט זי מפיל זיין דם קינד. אונ ווען קען די אשה מפיל זיין נאר אז דיא נעגיל ועבען געשניטען געווארין מיט אשעריל [אדער מיט אמעסעריל] : אונ נאר אז ער הט אפ געשניטען די נעגיל פון די הענט אונ פון דיא פיס. אונ ער הט ביידע ערליי נעגיל צו זאמען אוועק געווארפין אין גאס. אונ נאר אז ער הט גאר ניט נאך געשניטען נאך די נעגיל שניידין. אבער אז ער הט עפעס נאך געשניטען נאך די נעגיל שניידין נאזוי ווי מיר שניידין אשטיקל הארץ נאך די נעגיל שניידין קענען דיא נעגיל קיינעם ניט שאדין טאהן. זאגט דיא גמרא אבער עס איז ניט אזוי צו אלע זאכין האבין מיר מורא ואפילו עס איז ניט געשניטען געווארין נאר ער הט אפ געביסען די נעגיל. אונ אפילו ער הט אפ געשניטען דיא נעגיל פון דיא פיס אליין אדער פון די הענט אליין אונ אפילו ער האט עפעס נאך געשניטען נאך דיא נעגיל שניידין. פון דעסטוועגין קען אבֶרֶץ אאשה מפיל זיין אז זיא טרעט אריף אויף דיא נעגילו. דריבער טאר מען זייא ניט ווארפין אין גאס :

די רבנן האבין גילערונט דריי זאכין וועגען נזאגט געווארין ביי די נעגיל. דער וואס פאר ברענט זיי איז אחסיד. דער וואס בגראבט זייא איז אצדיק. דער וואס ווארפט זייא אוועק איז ארשע. אונ דער מענטש וואס מען עפינט איהם אאדער אונ באלד דער נאך איז ער משמש המטה הרגת ער אמענטשין. ווארום דער רבי הט גזאגט דער מענטש וום מען עפינט אים אאדער אונ באלד דער נאך איז ער משמש המטה. האט ער שוואכע קינדער. אונ אויב מען הט גיעפינט אדער דעם מאן אונ דאס ווייב אונ דער נאך האבען זיי משמש המטה גיוועזן. וועגען דיא קינדער נאך שוואכער אונ זיי האבין אשערץ אין מוח. אונ פון שוואכקייט וועלין זיי שטארבין. האבין דאך די פאטער אונ מוטער גיהרגת זייערע קינדער. רב זאגט דאס איז נאר אז זייא האבין גאר ניט גיגעסין נאך דעם אדער עפענען. אבער אז זייא האבין עפעס גיגעסין נאך דעם אדער עפענען איידער זיי האבין משמש המטה גיוועזן. איז שוין זייער כח גישטארקט גיווארין : וועלין שוין דיא קינדער ניט זיין שוואך :

**ט** אמר. רב חסדא האט גזאגט אמענטש טאר ניט משמש המטה זיין בייא טאג. ווארום עס שטייט אין פסוק דו זאלסט ליב האבין דיין חבר אזוי ווי זיך אליין. פרעגט דיא גמרא ווס ווייסין מיר פון דעם פסוק צו תשמיש המטה. הט אביי גזאגט ווייל עס איז ביי טאג האבין מיר מורא טאמער וועט ער זעהן ביי איר אמיאוסה זאך וועט זיא אויף איהם פאר

מיאוסת

א"ר הונא ישראל קדושים הם ואין משמשין מטותיהן ביום אמר רבא ואם היה בית אפל מותר ות"ח מאפיל בכסותו ומשמש :

(דף כ) **י אמר** להו ר' ינאי לבניו בני אל תקבירוני לא בכלים שחורים ולא בכלים לבנים שחורים שמא אזכה ואהיה כאבל בין החתנים לבנים שמא לא אזכה ואהיה כחתן בין האבלים אלא בכלים האולייריז הבאים ממדינת הים :

(ע"ב) **יא אמר** רבי יוחנן חכמתא דרבי חנינא גרמא לי דלא אחזי דמא מטמינא מטהר מטהרנא מטמא . אמר רבי אלעזר ענותנותו דר"ח גרמא לי דחזאי דמא ומה רבי חנינא דענותן הוא מחית נפשיה לספק וחזי אנא לא אחזי . אמר רבי זירא טבעא דבבל גרמא לי דלא חזאי דמא דאמינא בטבעא לא ידענא בדמא ידענא למיסרא דבטבעא

ת"ח . דידע לאלטנועי נפשיה :

שמא אזכה . לג"ע והצדיקים מלובשים לבנים : אולייריז . בגדים מתמי מרמלאות ל"ח שם ריאוס :

---

מיאוסת ווערין . אונ ער וועט איר פיינט האבין . אונ די תורה הט דאך גזאגט אז א מענטש זאל ליב האבין זיין חבר וויא זיך אליין . דריבער טאר מען ניט משמש המטה זיין ביי טאג . רב הונא זאגט די יודין זענען היילג אונ זיי זענען ניט משמש המטה ביי טאג . רבא זאגט אין אפינסטערע שטוב מעג מען משמש המטה זיין ביי טאג . אונ א תלמיד חכם מעג אפילו אין אליכטיגע שטוב אויך משמש המטה זיין ביי טאג וואורום ער דעקט אריבער מיט א קלייד אונ איז איר בועל :

**י** אמר . רבי ינאי האט גזאגט צוא זיינע קינדער . מיינע קינדער איר זאלט מיך ניט בגראבין אין שווארצע קליידער אונ ניט אין ווייסע קליידער . אין שווארצע קליידער זאלט איר מיך ניט בגראבין טאמער וועל איך זוכה זיין צו זיצען אין גן עדן צווישען צדיקים . אונ צדיקים גייען אין ווייסע קליידער . אונ איך וועל גיין אין שווארצע קליידער . וועל איך אויס זעהן וויא א אבל צווישען חתנים . אונ אין ווייסע קליידער זאלט איר מיך ניט בגראבין טאמער וועל איך ניט זוכה זיין וועל איך זיין אין גיהנם צווישען רשעים וואס זייא גייען אין שווארצע קליידער . אונ איך וועל גיין אין ווייסע קליידער . וועל איך אויס זעהן וויא א חתן צווישען אבלים . נאר איר זאלט מיך בגראבין אין דיא קליידער פון דיא שטאט אוליירין וואס זייא ווערין גיברייננט פון דיא מדינות וואס זענען אויף דעם ים . זיי זענען ניט שווארץ אונ ניט וויים :

**יא** אמר . רבי יוחנן האט גזאגט די חכמה פון רבי חנינא האט מיך גיברייננט דער צו אז א אשה ברייננט פאר מיר א העמד מיט בלוט איך זאל זעהן אויב דאס איז דם נדה אדער ניין . וויל איך ניט פסקנן . וואורום אז איך פלעג זאגין טמא . פלעגט רבי חנינא זאגין טהור אונ אז איך פלעג זאגין טהור פלעגט רבי חנינא זאגין טמא . דריבער וויל איך שוין ניט פסקנן . רבי אלעזר האט גזאגט דאס וואס רבי חנינא איז אזוי קליין ביי זיך דאס האט מיך גיברייננט דער צו אז איך זאל יא פסקנן שאלות פון א אשה אויב זיא איז טמא אדער טהור . וואורום מאדאך רבי חנינא וואס ער איז אזוי פרום אז פון פיל פרומקייט איז ער ביי זיך גאר ניט . פון דעסטוועגין קלערט ער אין דיא שאלות אונ פסקת וועלכע אשה איז טהור צום מאן אונ וועלכע איז טמא . וואס טאמער הט ער א טעות איז ער מתיר א איסור פון כרת . אונ ער האט ניט מורא פאר דעם . איז דאך א סימן אז מען קען דער קענען גרינג וועלכע בלוט איז טמא אונ וועלכע איז טהור . זאל איך ניט פסקנן אזעלכע שאלות . וואס איך בין ניט אזוי פרום וויא רבי חנינא . רבי זירא הט גזאגט די נאטור פון בבל האט מיך גיברייננט דער צו אז איך זעה ניט קיין בלוט פון א אשה . צו עס איז טמא צוא טהור . וואורום איך האב גזאגט אז איך

דבטבעא תליא מילתא והא רבה [נסמ"ס רש"י לקמן ד"ה אורחיה הגי' רגלא] הוא דידע בטבעא ולא ידע בדמא כ"ש קאמר וכה רבה דידע בטבעא לא חזא דמא ואנא אחזי:

**יב עולא** איקלע לפומבדיתא אייתו לקמיה דמא ולא חזא אמר ומה ר' אלעזר דמרא דארעא דישראל הוה כי מקלע לאתרא דרב יהודה לא חזי דמא אנא אחזי ואמאי קרי ליה מרא דארעא דישראל דההיא אתתא דאייתי דמא לקמיה דר"א הוה יתיב ר' אמי קמיה ארחיה אמר לה חימוד הוא בתר דנפק אטפל לה ר' אמי אמרה ליה בעלי היה בדרך ווסדתיו קרי עליה (תהלים כה) סוד ה' ליראיו. איפרא הורמיז אימיה דשבור מלכא שדרה דמא לקמיה דרבא [ע' תוס'] הוה יתיב רב עובדיה קמיה ארחיה אמר להו האי דם חימוד הוא אמרה ליה לברא הא הזי כמה חכימין יהודאי אמר לה דלמא כסומא בארובה הדר שדרה ליה שיתין מיני דמא וכולהו אמרינהו ההוא

תנא דארעא דישראל. בקי בהלכות דם מכל חכמי א"י כדמפרש לקמן:
פומבדיתא. אתריה דרב יהודה כדאמרי פרק קמא דסנהדרין כל דפומבדיתא רב יהודה ורב עינא: ולא חזא. מפום כבודו דרב יהודה: ארחיה. הריח בו: חימוד. שנתאוית לבעלה ונתאוה הדם מחמת תאוה: איפרא הורמיז. נכרית היתה וכן שמה ואעפ"כ היתה מכבדת עלמה מנדות וקרובה להגייר ואף קרבנות היתה שולחת וכגון יומי איפרא קן כמו אספריון נמטייה לנ"ס: הורמיז. כמו הורמיז בר לילתא כלומר יופי כדים הוה לה: ארחיה וכו'. ואע"ג דאמר רבא לעיל לא ידע

---

וויים ניט די נאטור וועל איך וויסען דיא בלוט וועלכע איז טמא אונ וועלכע איז טהור. פרעגט דיא גמרא ווענדט זיך דען דס בלוט זעהן אן די נאטור צו וויסען. רבא ווייס דאך די נאטור פון דעסטוועגין ווייס ער ניט צו פסקנן וועלכע בלוט איז טמא אונ וועלכע איז טהור. ענטפערט דיא גמרא אזוי האט רבי זירא גזאגט. מאדאך רבא וואס ער ווייס דיא נאטור וויל ער ניט זעהן וועלכע בלוט איז טמא אונ וועלכע בלוט איז טהור. טאמער וועט ער האבען אטעות. וועל איך זעהן. איך וועל דאך געוויס האבען אטעות:

**יב** עולא איז אמאהל גיקומען אין פומבדיתא. האט מען גיברייננט פר איהם בלוט ער זאל זעהן אויב זייא זענען טמא אדער טהור. האט ער ניט גיוואלט זעהן. ער האט גזאגט מאדאך רבי אלעזר וואס ער איז דער בעל הבית פון גאנץ ארץ ישראל. אין דיא שאלות פון בלוט וועלכע איז טהור אונ וועלכע איז טמא ווייס ער בעסער פון אלע חכמים וואס אין ארץ ישראל. פון דעסטוועגין אז ער איז גיקומען אין די שטאט וואס רב יהודה הט גיוואהנט. הט ער ניט גיוואלט זעהן קיין בלוט פון וועגין דעם כבוד פון רב יהודה. זאל איך זעהן בלוט אין פומבדיתא ווס דא וואהנט רב יהודה. זאגט דיא גמרא פאר ווס רופט מען רבי אלעזר דער בעל הבית פון ארץ ישראל. ווארום אמאהל האט א אשה גיבריינגט בלוט פאר רבי אלעזר. איז רבי אמי גיזעסין פר רבי אלעזר. הט רבי אלעזר אשמעק גיטאהן די בלוט אונ ער הט גזאגט צו דיא אשה דס בלוט איז דיר גיקומען פון תאוה ודי אשה הט גיגלוסט צוא איר מאן. אונ דורך דעם איז ארויס גיגאנגען דס בלוט. דער נאך ווי רבי אלעזר איז ארויס גיגאנגען הט רבי אמי גיפרעגט ביי די אשה צו עס איז אמת ווי רבי אלעזר הט גזאגט. הט די אשה גזאגט מיין מאן איז גיוועזן אין וועג האב איך גיגלוסט צו איהם. אונ פון דעם גלוסטין איז ארויס גיגאנגען דס בלוט. האט רבי אמי גזאגט אויף רבי אלעזר דעם פסוק סוד ה' ליראיו. גאט זאגט צו די מענטשין ווס האבין מורא פאר איהם אלע סודות. איפרא הורמיז די מוטער פון שבור מלכא הט געשיקט בלוט פאר רבא. איז גיזעסען רב עובדיה פר רבא. הט רבא אשמעק גיטאהן דיא בלוט. הט ער גזאגט צום שליח דס בלוט איז איר גיקומען פון תאוה. האט איפרא הורמיז גזאגט צו איר זוהן זעה ווי קלוג דיא יודען זענען. האט דער זוהן גזאגט צו דיא מוטער טאמער הט רבא גזאגט אן חכמה נאר ער הט גיטראפען. אזוי וויא דער בלינדער ווס גייט אויף דעם דאך אונ טרעפט אראפ צוא פאלען דורך דעם פענסטער. הט ער דען גיוואלט אראפ פאלען. נאר עס האט זיך גיטראפען. רבא הט אויך ניט גימיינט אזוי צו זאגין. נאר עס איז איהם אזוי ארויס פון מויל. האט איפרא הורמיז נאך אמאהל געשיקט צו רבא זעכציג ערליי בלוהט. אויף אלע בלוהט הט רבא גיוואוסט

ההוא בהרא דם כנים הוה ולא הוה ידע איכתייעא סלתא ושדר לה כסריקותא דמקטלי כלמי אמרה יהודאי בתווני דלבא (יתבי) :

## המפלת פרק שלישי

(דף כד ע"ב) **א אמר** רב יהודה אמר שמואל המפלת דמות לילית אמו טמאה לידה ולד הוא אלא שיש לו כנפים . תניא נמי הכי אמר רבי יוסי מעשה בסימוניא באחת שהפילה דמות לילית ובא מעשה לפני חכמים ואמרו ולד הוא אלא שיש לו כנפים :

**ב תניא** אבא שאול אומר קובר מתים הייתי והייתי מסתכל בעצמות של מתים השותה יין חי עצמותיו שרופים מזוג עצמותיו סכויין כראוי עצמותיו משוחין וכל מי ששתיתו מרובה מאכילתו עצמותיו שרופין אכילתו מרובה מ שתיתו עצמותיו סכויין כראוי עצמותיו משוחין . תניא אבא שאול אומר ואיתימ' רבי יוחנן קובר מתים הייתי פעם אחת רצתי אחר צבי נכנסתי בקולית של מת ורצתי אחריו שלש פרסאות וצבי לא הגעתי

בדמות ניכא לאהרתים ליה: אלה נה. מבוב דהוין ב מסריקותא : מסרק נאס : מקטלא כלמי . בהונגין עליה כנים וסברה והאי הבין מנ"כ אלא לו האי : כלמי . כנים כדמתרגמינן כנים כלמיהא : בתווני דלבא . בחדרי הלב אהם יושבים בחדרי מתרגמינן בתוונית כלומר כל הכמה מלויה בכך :
דמות לילית . שידה בד יש לו פרצוף אדם ויש לו כנפים :
סכויין . בהורים במפהי . ל"א סכויין כלא מוות ומשיחה אלא יבבים : מזוג . יותר מדאי :

קולית

---

צו זאגען וואס פאר אבלוט דאס איז : די לעצטע איז געוועזן בלוט פון לייז . האט רבא ניט געוואוסט וואס פאר אבלוהט דאס איז . דער וויל איז געלעגען ביי רבא אשיינער קאם . האט ער גינומען דעם קאם אונ ער האט גיגעבען דעם שליח ער זאל ברענגען צו איפרא הורמיז אמתנה אונ מען האט איר געגעבן דעם קאם. האט איפרא הורמיז גימיינט אז רבא ווייס אז די בלוט איז פון לייז . צום צייכען האט ער איר געשיקט דעם קאם וואס מען הרגת אויף איהם לייז . האט איפרא הורמיז גזאגט די יודען זיצען אין מיין הארץ . אונ ווייסען אלץ וואס איך טוה אונ וואס איך טראכט. אזוי קלוג זענען זיי :

## פרק שלישי

**א** אמר : רב יהודה האט גזאגט פון שמואלס וועגין אז א אשה האט גיבארין אקינד וואס זעהט אויס אזוי וויא די לילית (די מוטער פון די שדים) . איז די מוטער טמא אזוי ווי אלע מוטערס וואס גיבארין קינדער . ווארום ער איז אקינד וויא אלע קינדער נאר ער האט פליגול . מיר האבען אויך אזוי גילערנט רבי יוסי האט גזאגט אין די שטאט סימוניא האט אמאהל גיטראפען אאשה האט גיבארין אקינד וואס האט אויס גיזעהן אזוי ווי די לילית . האט מען דער ציילט פאר דיא חכמים . האבען דיא חכמים גזאגט דאס איז אקינד ווי אלע קינדער נאר ער האט פליגול :

**ב** תניא. מיר האבען גילערנט אבא שאול זאגט איך בין גיוועזן אטויטען גרעבער איך פלעג בגראבען די טויטע . פלעג איך אלע מאהל זעהן די ביינער פון די טויטע . האב איך אזוי גיזעהן . דער מענטש וואס פלעגט טרינקען ריינעם ווין (אן וואסער געמישט) זענען זיינע ביינער גיוועזן פאר ברענט . דער וואס האט גיטרונקען וויין געמישט מיט צו פיל וואסער זענען זיינע ביינער שווארץ אונ דער וואס האט גיטרונקען וויין וואס איז גיוועזן געמישט מיט וואסער אזוי וויא דיא מאס דארף זיין . זענען זיינע ביינער פעט מיט מארך . אונ דער וואס טרינקט מער וויא ער עסט זענען זיינע ביינער פאר ברענט . אונ דער וואס עסט מער ווי ער טרינקט זענען זיינע ביינער שווארץ. אונ דער וואס זיין עסין אונ זיין טרינקען זענען מיט דיא מאס . זענען זיינע ביינער פעט מיט מארך :

מיר האבין גילערנט אבא שאול זאגט אנדערע זאגין רבי יוחנן האט גזאגט איך בין גיוועזן אטויטין גרעבער אמאהל בין איך גילאפין נאך אהערש . איז דער הערש אריין גילאפין אין אקוליא פון אמת בין איך אריין גילאפין אין דער קוליא (דער ביין וואס איז פון קניה ביז צום בויך הייסט

קוליא

קולית. ע"ש הירך: דיילא. שמש דרבנן ול"ה סמו. פרשתכינא. שם א"ם: טיפין

הגעתי וקולית לא כלתה וכשחזרתי לאחורי אמרו לי של עוג מלך הבשן היה. תניא אבא שאול אומר קובר מתים הייתי פעם אחת נפתחה מערה תחתי ועמדתי בגלגל עיניו של מת עד חוטמי בשהזרתי לאחורי אמרו עין של אבשלום הוה ושמא תאמר אבא שאול ננס הוה אבא שאול ארוך בדורו הוה ורבי טרפון מגיע לכתפו ורבי טרפון ארוך בדורו הוה (ורבי עקיבא מגיע לכתפו ורבי עקיבא ארוך בדורו הוה) ורבי מאיר מגיע לכתפו ורבי מאיר ארוך בדורו הוה ורבי מגיע לכתפו ורבי ארוך בדורו הוה ורבי חייא מגיע לכתפו ורבי חייא ארוך בדורו הוה ורב מגיע לכתפו רב ארוך בדורו הוה ורב יהודה מגיע לכתפו ורב יהודה ארוך בדורו הוה ואדא דיילא (דפומבדיתא) מגיע לכתפו (דף כה) ופרשתכינא דפומבדיתא קאי ליה לאדא דיילא עד חרציה וכולי עלמא קאי ליה לפרשתכינא עד פלגיה:

ג **את** זו דרש רבי יהושע בן חנניא (בראשית ג) ויעש ה' אלהים לאדם ולאשתו כתנות עור וילבישם מלמד שאין הקדוש ברוך הוא עושה עור לאדם אלא אם כן נוצר:

ד **אבא** שאול אומר תחלת ברייתו של ולד מראשו ושתי עיניו כשני טיפין של זבוב תני ר' חייא

---

קוליא). און איך בין גילאפען אין דער קוליא נאך דעם הערש דריי מייל און דעם הערש האב איך ניט גיטאפט און דיא קוליא הט זיך נאך ניט אויס גילאזט. ווען איך בין ארויס גיקומען צוריק פון די קוליא הט מען מיר גיזאגט אז די קוליא איז פון עוג מלך הבשן. מיר האבין גילערונט אבא שאול הט גיזאגט איך בין גיוועזן אטויטין גרעבער אמאהל הט זיך גיעפינט אגרוב אונטער מיר און אין דער גרוב איז גיוועזן אמת און איין אויג פון דעם מת איז גיוועזן ארויס גינומען און איך בין געבליבען שטיין אין דער לאך פון דעם אויג ביז צו מיין נאז. ווען איך בין ארויס גיגאנגען צוריק פון דער לאך הט מען מיר גיזאגט דאס איז גיוועזן די אויג פון אבשלום. טאמער וועסטו זאגין אז אבא שאול איז גיוועזן אניד'עריגער מענטש. אבא שאול איז גיוועזן אין זיין דור דער העכסטער מענטש. און רבי טרפון איז גיוועזן הויך ביז צוא דעם אקסיל פון אבא שאול. און רבי טרפון איז גיוועזן אין זיין דור דער העכסטער מענטש. און רבי עקיבא איז גיוועזן הויך ביז צו דעם אקסיל פון רבי טרפון. און רבי עקיבא איז גיוועזן אין זיין דור דער העכסטער מענטש. און רבי מאיר איז גיוועזן הויך ביז צוא דעם אקסיל פון רבי עקיבא. און רבי מאיר איז גיוועזן אין זיין דור דער העכסטער מענטש. און רבי איז גיוועזן הויך ביז צו דעם אקסיל פון רבי מאיר. און רבי איז גיוועזן אין זיין דור דער העכסטער מענטש. און רבי חייא איז גיוועזן הויך ביז צוא דעם אקסיל פון רבי. און רבי חייא איז גיוועזן אין זיין דור דער העכסטער מענטש. און רב איז גיוועזן הויך ביז צוא דעם אקסיל פון רבי חייא. און רב איז גיוועזן אין זיין דור דער העכסטער מענטש. און רב יהודה איז גיוועזן הויך ביז צו דעם אקסיל פון רב. און רב יהודה איז גיוועזן אין זיין דור דער העכסטער מענטש. און אדא דער שמש פון די רבנן איז גיוועזן הויך ביז צו דעם אקסיל פון רב יהודה: און דער מענטש פרשתכינא פון פומבדיתא אז ער הט זיך גישטעלט נעבין דעם אדא: איז ער נאר הויך גיוועזן ביז די לענדין פון אדא. און די גאנצע וועלט מענטשין זענען נאר הויך גיוועזן ביז צו די העלפט פון דעם פרשתכינא:

ג **את**. דאס האט גידרשת רבי יהושע בן חנניה עס שטייט אין פסוק גאט הט גימאכט צו אדם און צו זיין ווייב העמדלאך פון פעל און ער הט דאס ארויף גיצויגען אויף זייער לייב. דער פסוק דער ציילט אונז אז גאט ציהט ניט ארויף אהויט אויף דעם קינד ווען ער איז אין די מוטערס בויך ביז ער ווערט אין גאנצען בשאפען:

ד **אבא** שאול זאגט דער אנהייב בשאפונג פון דעם קינד אין דער מוטערס בויך איז די קאפ. און זיינע צוויי אויגען זענען גרויס אזוי וויא די צוויי אויגען פון אפליג. רבי חייא הט

גילערונט

חייא מרוחקין זה מזה. ב' חוטמין כב' טיפין של זבוב תני רבי חייא ומקורבין זה לזה ופיו מתוח כחוט השערה וגויתו כעדשה ואם היתה נקבה נכרת כשעורה סדוקה לארכה. ותתוך ידים ורגלים אין לו ועליו מפורש בקבלה (איוב י) הלא כחלב תתיכני וכגבינה תקפיאני עור ובשר תלבישני ובעצמות וגידים תשוככני חיים וחסד עשית עמדי:

(דף כז) **ה** ת"ר שליא בבית הבית טמא לא שהשליא ולד אלא שאין שליא שאין ולד עמו דברי ר"מ רבי יהודה ורבי יוסי ורבי שמעון מטהרין כו' יתיב רב פפא אחוריה דרב ביבי קמיה דרב המנונא ויתיב וקאמר מ"ט דרבי שמעון דקסבר כל טומאה שנתערב בה ממין אחר בטלה אמר רב פפא היינו נמי טעמייהו דרבי יהודה ורבי יוסי אחיכו עליה מ"ש פשיטא אמר רב פפא אפילו כי האי מלתא לימא אינש ולא נשתוק קמי רביה משום שנאמר (משלי ל) אם נבלת בהתנשא

טיפין של זבוב. עיני הזבוב: ופיו מתוח כח ט השערה. סדק קטן ונראה כאילו חוט השערה. מתוח בס: גויתו. גיד אבר הזכר: כשעורה. שהיא סדוקה לארכה: ותתוך ידים ורגלים. עדיין אין נראין כדאמרינן תחלת ברייתו מראשו: כחלב. זהו שכבת זרע שהוא ניתוך וקלוט מתחלה מבעת יצירתו כחלב ואח"כ נעשה קפוי:

מ"ט דר"ש. מאי דנמוק מ"מ כל גופו של מת כאן שוה וה"ל כרקב וכגלל בשר המת ממות ונעשה ליהם סרוחה: ממין אחר. אפי' ממין טומאה אם אינה שוה לה בטלה: אחיכו עליה. א"ל פשיטא מ"ש טעמייהו מטעמיה כולהו חדא מלתא אמרי: אפי' כי האי מלתא. דאייתי לידי חוכא: לימא איניש. דילמא מתוך דבריו אמר ליה טעמא: ולא לשתוק. ולימא מסברנא ליה: אם נבלת עצמך על

ידערונגען אין אויג פון דעם אנדערין אויג זענען ווייט. אונ דיא צוויי נאז לעכער פון דעם קינד זענען גרויס ווי די צוויי אויגעי לעכער פון דעם פליג. רבי חייא האט גילערנט דיא נאז לעכער זענען נאנט אייגער נעבין דעם אנדערין. אונ די מויל זיינע איז אזוי דין אז עס זעהט אויס וויא אהאר וואלט גילעגין אויף דעם ארט. אונ דיא מילה זיינע איז גרויס וויא אלינזן. אונ אויב דאס קינד איז אנקבה איז דער שפאלט אזוי גרויס וויא דער שפאלט פון אגערשטין וואס ער איז צו שפאלטען אין דער לייננ. אונ הענט מיט פיס זעהט מען נאך ניט ביי אים. אונ אויף דעם האט איוב גזאגט דו האסט מיך גיטאהן גיסען אזוי וויא מילך (דאס איז דיא שכבת זרע). דער נאך איז דיא זרע געדיכט גיווארען אזוי וויא קעז. דער נאך האסטו מיך באקליידט מיט פלייש אונ' הויט. דער נאך האסטו מיך בדעקט מיט ביינער אונ אדערין: דער נאך האסטו מיך גימאכט לעבעדיג אונ האסט גיטאהן מיט מיר חסד:

**ה** תנו רבנן. דיא רבנן האבען גילערנט אז אשליא איז דא אין אשטוב איז די שטוב טמא. ניט ווייל די שליא איז אקינד. נאר עס איז ניטא אשליא וואס אין איר איז ניטא אקינד ודי שליא איז ווי אבייטעל וואס אין איר ליגט דם קינד אין דער מוטערס בויך. אונ ווען דם קינד דארף גיבארען ווערין גייט ער ארויס פון דער בייטעל אונ פון דער מוטערס בויך. דער נאך גייט ארויס דאס בייטעל. אונ אז דאס קינד איז טויט אין דער מוטערס בויך. בלייבט ער ליגען אין דער בייטעל. אונ די בייטעל מיט דעם קינד גייען ארויס צו זאמען. אונ אמאהל ווערט דאס קינד צו קוועטשט אין דעם בייטעל). אזוי זאגט רבי מאיר. רבי יהודה אונ רבי יוסי אונ רבי שמעון זאגען דיא שטוב איז טהור: רב פפא איז גיזעסען אינטער רב ביבי אונ רב ביבי איז גיזעסען פאר רב המנונא אונ רב המנונא איז גיזעסען אונ האט גזאגט פאר ווס האלט רבי שמעון אז די שטוב איז טהור. ווארום רבי שמעון האלט יעדער טומאה וואס אין איר איז אריין גימישט איין אנדער זאך. ווערט דיא טומאה בטל. אונ איז נישט מטמא. אונ אז מען געפינט ניט דאס קינד אין דעם בייטול. איז ער גיוועס צו קוועטשט גיווארין אין דעם בייטעל. אונ ווייל אין דעם בייטעל איז דא נאך אנדערע זאכען דריבער ווערט די טומאה פון דעם קינד בטל. אונ איז נישט מטמא. האט רב פפא גזאגט דם איז טאקי דער טעם פון רבי יהודה אונ פון רבי יוסי. האבען רב המנונא אונ רב ביבי גילאכט פון רב פפא. דארף מען דאס זאגען אז דער טעם פון רבי יהודה אונ רבי יוסי איז דער זעלביגער ווי פון רבי שמעון. געוויס איז אזוי. רבי יהודה אונ רבי יוסי אונ רבי שמעון זאגען דאך אלע דריא

ד"ה סוף לפרשה: ואם זמות. והקה כיפך לגוס יד על הפה שלא תדע להשיב את השואלין: פנקס. לוחין שכותבין בהם הגלחין: אצילו. אישו"ש: טבורו. פיו: ונסתם הפתוח. טבורו: שלא יהרוג את אמו. שבית הרחם אינו רחב לגולה

בהתנשא ואם זמות יד לפה:

(דף ל ע"ב) ׳ **דרש** רבי שמלאי למה הולד דומה במעי אמו לפנקס שמקופל ומונח ידיו על שתי צדעיו ושתי אציליו על שתי ארכבותיו ושתי עקביו על שתי עגבותיו וראשו על ברכיו ופיו סתום וטבורו פתוח ואוכל ממה שאמו אוכלת ושותה ממה שאמו שותה ואינו מוציא רעי שמא יהרוג את אמו וכיון שיצא לאויר העולם נפתח הסתום ונסתם הפתוח שאלמלא כן אינו יכול לחיות אפילו שעה אחת ונר דלוק על ראשו וצופה ומביט מסוף העולם ועד סופו שנאמר (איוב כט) בהלו נרו עלי ראשי לאורו אלך חשך ואל תתמה שהרי אדם ישן כאן ורואה חלום באספמיא ואין לך ימים שאדם שרוי בטובה יותר מאותן הימים שנאמר (שם) מי יתנני כירחי קדם כימי אלוה ישמרני ואיזהו ימים שיש בהם ירחים ואין בהם שנים הוי אומר אלו ירחי לידה ומלמדים אותו כל התורה כולה שנאמר (משלי יד) ויורני ויאמר לי יתמך דברי לבך שמור מצותי וחיה

---

איין דין. האט רב פפא גזאגט אפילו אזוי צזאך זאל אויך אמענטש זאגען פאר זיין רבי אונ ער זאל ניט שווייגען. ווייל עס שטייט אין פסוק אם נבלת בהתנשא (אויב דו האסט דיך פאר שאוסט פון וועגין די תורה. וועט זיין דיין סוף אז דוא וועסט דער הויבען ווערין) · ואם זמות (אונן אויב דו האסט געשוויגען פון דער תורה) יד לפה (וועט זיין דער סוף אז איינער וועט דיך עפעס פרעגין וועסטו פאר מאכען מיט דיין האנט דאס מויל. ווייל דוא וועסט ניט וויסען צו ענטפערין):

׳ **דרש**. רבי שמלאי האט גידרשת דס קינד ווען ער איז אין דער מוטערס בויך ליגט ער איין גיבויגען איין העלפט אויף די אנדערע העלפט אזוי וויא אבוך וואס איז פאר מאכט ליגט דאך איין העלפט בוך אויף די אנדערע העלפט זיינע הענט האלט ער אויף זיינע צווי שלייפען אונ זיינע צווי עלינבויגינס האלט ער אויף זיינע צווי פיס וואס איבער דיא קניה נאנט צום בויך· אונ זיינע צווי פארשעווע פון די פיס האלט ער ארונטער גיבויגען אונ זיא זענען אן גילעגט אויף די גראבע פלייש פון די פיס וואס איבער די קניה פון אינטען. אונ זיין קאפ ליגט אויף זיינע קניה: זיין מויל איז פאר מאכט. אונ זיין נאפיל איז האפען· אונ ער עסט פון וואס די מוטער עסט· אונ ער טרינקט פון וואס די מוטער טרינקט. אונ פון אים גייט ניט ארויס קיין צואה אונ ניט קיין השתנה. ווארום דיא צואה אונ די השתנה וואלט דאך געבליבען ביי די מוטער אין בויך. וואלט די מוטער גישטארבען. אונ וויא דס קינד גייט נאר ארויס אויף דער וועלט ווערט גיעפינט דס פר מאכטע מויל. אונ עס ווערט פר מאכט דער נאפיל וואס ער איז גיוועזען האפען. ווארום אז עס וואלט ניט אזוי גיוועזען וואלט דאס קינד ניט גיקענט לעבין אפילו איין שעה. אונ ווען דס קינד איז אין דער מוטערס בויך ברענט אליכט איבער זיין קאפ· אונ ער זעהט פון איין עק וועלט ביז צום אנדערין עק וועלט. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ווען עס האט גילויכטען זיין ליכט אויף מיין קאפ. אונ ווען איך בין גיוועזען אין דער פינסטערניש בין איך גיגאנגען ביי זיין ליכטיגקייט. אונ דו זאלסט דיך ניט וואונדערין וויא אזוי דס קינד קען זעהן פון איין עק וועלט ביז צום אנדערין עק וועלט. ווארום אמענטש שלאפט דא אונ ער זעהט אין חלום די שטאט אספמיא. אונ עס איז ניטא קיין טעג וואס דער מענטש זאל האבען בעסער ווי ער האט גיהאט אין די טעג וואס ער איז גיוועזען אין דער מוטערס בויך. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק איוב האט גזאגט ווער וואלט מיר געבין ווי די פריערדיגע חדשים. וויא דיא טעג וואס גאט האט מיך גהיט. וועלכע צייט איז דאס וואס עס איז נאר גיוועזען חדשים אונ ניט קיין יאהרען. דס זענען די ניין חדשים וואס ער איז גיוועזען אין דער מוטערס בויך. אונ ווען דאס קינד איז אין דער מוטערס בויך לערנט מען מיט איהם דיא גאנצע תורה. אזוי וויא

עס

וחיה ואומר (איוב כט) בסוד אלוה עלי אהלי . מאי ואומר וכו' תימא נביא הוא דקאמר ת"ש בסוד אלוה עלי אהלי וכיון שבא לאויר העולם בא מלאך וסטרו על פיו ומשכחו כל התורה כולה שנאמר (בראשית ד) לפתח חטאת רובץ

רעי הגלפך בו : ת"ס בסוד אלוה עלי אהלי . ואל הוקמין כיהי לידה מדכתיב כירחי קדם : ולא נשבע למרמה . מקיים שבועתו לאמור את התורה דלא בשבועה כעלמא אתו משום דלא נשבע למרמה חשיב

ואינו יוצא משם עד שמשביעין אותו שנאמר (ישעיה מה) כי לי תכרע כל ברך תשבע כל לשון כי לי תכרע כל ברך זה יום המיתה שנאמר (תהלים כב) לפניו יכרעו כל יורדי עפר . תשבע כל לשון זה יום הלידה שנאמר (תהלים כד) נקי כפים ובר לבב אשר לא נשא לשוא נפשי ולא נשבע למרמה . ומה היא השבועה שמשביעים אותו תהי צדיק ואל תהי רשע ואפילו כל העולם כולו אומרים לך צדיק אתה היה בעיניך כרשע והוי יודע שהקדוש ב"ה טהור ומשרתיו טהורים ונשמה שנתן בך טהורה היא אם אתה משמרה בטהרה מוטב ואם לאו הריני נוטלה ממך . תנא דבי רבי ישמעאל משל לכהן שמסר תרומה לעם הארץ ואמר לו

---

עס שטייט אין פסוק שלמה המלך האט גזאגט ער האט מיך גילערונט אונ ער האט גזאגט צו מיר מיינע רייד זאלען אונטער לעגען דיין הארץ , היט מיינע גיבאט וועסטו לעבין . אונ איוב האט גזאגט ווען די סודות פון גאט זעגען גיוועז אויף מיין גיצעלט ; צוא וואס ברייננט מען דעם אנדערין פסוק פון איוב טאמער וועסטו זאגען דער נביא האט גזאגט ושלמה המלך האט גזאגט מיט רוח הקודש אז גאט האט איהם גילערונט . אבער ווען ער איז שוין גיוועזן אויף דער וועלט . דריבער ברייננט מען דעם פסוק וואס איוב האט גזאגט . ווען דיא סודות פון גאט זענען גיוועזן אויף מיין גיצעלט . אונ איוב שמועסט אין די פסוקים פון דער צייט וואס ער איז גיוועזן אין דער מוטערס בויך . אונ ווי דאס קינד קומט אויף דער וועלט קומט אמלאך אונ גיט איהם אקלאפ אויף זיין מויל פר געסט ער באלד דיא גאנצע תורה . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק לפתח חטאת רובץ . צו דיא טיר ליגט דס זינד . ווי עס עפענט זיך די טיר פון דער מוטערס בויך דאס קינד זאל ארויס גיין . איז שוין דא דיא זינד . פר געסט ער שוין די תורה . אונ ער גייט ניט ארויס פון מוטערס בויך ביז מען בשווערט איהם . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק צו מיר וועלען קניהען אלע קניה אונ עס וועלען שווערין אלע צינגער . צו מיר וועלען קניהען אלע קניה דס איז אין דעם טאג ווען מען שטארבט . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק פאר איהם וועלען קניהען אלע וואס נידערין אין דער ערד . אונ עס וועלען שווערין אלע צינגער דאס איז אין דעם טאג וואס מען ווערט גיבארין . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ריינע הענט אונ אקלארע הארין וואס ער האט ניט גיטראגען זיין נשמה צו פאלש . אונ ער הט ניט גישווארין פאלש . ער האט מקיים גיוועזן זיין שבועה וואס ער האט גישווארין איידער ער איז גיבארען גיווארין . וואס איז דיא שבועה וואס מען בשווערט איהם . דוא זאלסט זיין אצדיק אונ זאלסט ניט זיין ארשע . אונ אפילו די גאנצע וועלט וועלין זאגען אויף דיר אז דוא ביסט אצדיק זאלסטו דיך האלטען פאר ארשע : אונ דו זאלסט וויסען אז גאט איז ריין : אונ זיינע דינערס זענען ריין . אונ די נשמה וואס גאט האט אין דיר גיגעבען איז ריין . אויב דוא וועסט היטען דיין נשמה זיא זאל בלייבען ריין איז גוט . אונ אויב ניט וועל איך זיא פון דיר צו נעמען . דבי רבי ישמעאל הט גילערונט אמשל צו דער זאך . אכהן האט אמאהל גיגעבען תרומה צו אעם הארץ . הט דער כהן גזאגט צו דעם עם הארץ אויב דו וועסט היטען דיא תרומה זאל זיין ריין איז גוט . אונ אויב ניט וועל איך נעמען די תרומה אונ וועל זיא פאר ברענגען פאר דיינע אויגען . רבי אלעזר הט גזאגט פון דעם פסוק ווייסען מיר אז מען בשווערט דעם קינד איידער ער ווערט גיבארן . עס שטייט אין פסוק ממעי אמי אתה גוזי . פון מיין מוטערס בויך ביסטו מיין בשווערער . פון וואנען ווייסען מיר אז גוזי איז דער טייטש שווערין . ווארום עס שטייט אין פסוק גזי נזרך והשליכי . דער נביא זאגט צו דיא יודען זייט מקיים דיא שבועה וואס איר הט גישווארין איידער איר זענט גיבארן

משיב לכן כעולין כהר ה׳ : מאי קרא . דמשביעים אותו ביום העידה : נזרך . לשון נזירות דהיינו כהר דהמי כשבועה :

הכלי . לעולם : רוקמתי . היינו יצירה כתבונה וכתיב בתחתיות דהיינו מדור התחתון : דרך תשמישו . הפים פניו למטה כן זכר נולד פניו למטה נקבה פניה למעלה הילכך נקבה צריכה להתהפך דהא כבסיה במעי חיה פניה למטה כדאמרינן לעיל ראשו בין ברכיו . אבל זכר אין צריך להתהפך : קשה לאשה וקשה לולד . מפני שדר במדור התחתון.

לו אם אתה משמרה בטהרה מוטב ואם לאו הריני שורפה לפניך אמר ר א (דף לא) מאי קראה (תהלים עא) ממעי אמי אתה גוזי מאי משמע דהאי גוזי לישנא דאשתבועי הוא דכתיב (ירמיה ז) גזי נזרך והשליכי . וא״ר אלעזר למה הולד דומה במעי אמו לאגוז מונח בספל של מים אדם נותן אצבעו עליו שוקע לכאן ולכאן : ז ת״ר שלשה חדשים הראשונים ולד דר במדור התחתון אמצעיים ולד דר במדור האמצעי אחרונים ולד דר במדור העליון וכיון שהגיע זמנו לצאת מתהפך ויוצא וזהו חבלי אשה והיינו דתנן חבלי של נקבה מרובין משל זכר . אמר רבי אלעזר מאי קראה (תהלים קלט) אשר עשיתי בסתר רקמתי בתחתיות ארץ דרתי לא נאמר אלא רקמתי מאי שנא דחבלי נקבה מרובין משל זכר זה בא כדרך תשמישו וזה בא כדרך תשמישו זו הופכת פניה וזה אין הופך פניו . תנו רבנן שלשה חדשים הראשונים תשמיש קשה לאשה וגם קשה לולד

---

געבארן געווארן אונ ווארפט אוועק איידער עבירות . נאך האט רבי אלעזר גזאגט דאס קינד ווס ליגט ביי די מוטער אין בויך איז גלייך צו אנוס ווס ליגט אין אבעקן מיט וואסער . אז אמענטש לייגט ארויף זיין פינגער אויף דעם נוס גייט דער נוס אראפ אין וואסער אונ ער קריכט באלד צוריק ארויס פון אונטער דעם וואסער פון דער זייט פינגער אדער פון דער זייט פינגער . אזוי אז די מוטער לייגט ארויף איר האנט אויף דעם קינד ווס אין בויך אנטלויפט דס קינד אין דער זייט אדער אין דער זייט :

ז תנו רבנן . די רבנן האבען גילערנט די ערשטע דריי חדשים וויא די מוטער ווערט מעוברת וואוהנט דס קינד אין דעם אונטערשטין וואוהנונג . די אנדערע דריי חדשים וואוהנט דס קינד אין דעם מיטעלסטין וואוהנונג . די לעצטע דריי חדשים וואוהנט דאס קינד אין דעם אויבערשטין וואוהנונג . אונ וויא עס קומט דיא צייט ער זאל ארויס גיין פון דיא מוטערס בויך קערט ער זיך אום מיט דעם קאפ אראפ אונ ער גייט ארויס . אונ דס זענען די שמערצין וואס די אשה הט . אונ דס איז ווס מיר האבען גילערנט די שמערצין ווס דיא אשה האט ווען זיא גיבארט אנקבה . זענען גרעסער וויא די שמערצין ווס זיא הט ווען זי גיבארט אזכר ווי ווייטער שטייטו . אונ רבי אלעזר הט גזאגט דס וייסען מיר פון דעם פסוק אשר עשיתי בסתר ואיך בין געמאכט געווארין אין אפארבארגענעם ארט) רקמתי בתחתיות ארץ . עס שטייט ניט דרתי ואיך האב גיוואוהנט) . נאר עס שטייט רקמתי ואיך בין גיוועבט בשאפען געווארן) אונטען נאנט פון דער ערד . אין דעם אונטערשטען וואוהנונג . זעהן מיר אז באלד וויא דס קינד ווערט בשאפען וואוהנט ער גאר אונטען אין דיא מוטערס בויך . פרעגט די גמרא פר ווס די שמערצין וואס די אשה הט ווען זיא גיבארט אנקבה . זענען גרעסער וויא די שמערצין ווס זיא האט ווען זיא גיבארט אזכר . ענפערט די גמרא דס קינד וואס איז אזכר ליגט אין דער מוטערס בויך מיט דעם פנים אראפ אזוי וויא דער פאטער איז גילעגען מיט דעם פנים אראפ ווען ער האט משמש המטה גיוועזן . אונ דאס קינד וואס איז אנקבה ליגט אין דער מוטערס בויך מיט דעם פנים ארויף אזוי וויא די מוטער איז גילעגין מיט דעם פנים ארויף ווען זיא האט משמש המטה גיוועזן . אונ ווען דס קינד ווערט גיבארען מוז ער ארויס גיין פון די מוטערס בויך מיט דעם פנים אראפ . אויב דאס קינד איז אנקבה מוז זיא זיך אום דרייען מיט דעם פנים אראפ אידער זיא ווערט גיבארען . אונ אויב דאס קינד איז אזכר דארף ער זיך ניט אום דרייען . דריבער ווען דיא אשה גיבארט אנקבה האט זיא גרעסערע שמערצין ווי ווען זיא גיבארט אזכר . דיא רבנן האבען גילערנט די ערשטע דריי חדשים וויא די אשה איז מעוברת גיוואהן . איז ניט

גוט

לולד אמצעיים קשה לאשה ויפה לולד אחרונים יפה לאשה ויפה לולד שמתוך כך יצא הולד מלובן ומזורז. תנא המשמש מטתו ליום תשעים כאלו שופך דמים מנא ידע אלא אמר אביי משמש והולך (סס קסז) ושומר פתאים ה׳. תנו רבנן שלשה שותפין יש באדם הקב״ה ואביו ואמו אביו מזריע לובן שממנו מוח שבראשו וגידין וצפרנים ועצמות ולובן שבעין אמו מזרעת אודם שממנו עור ובשר ושערות ושחור שבעין והקב״ה נותן בו רוח ונשמה וקלסתר פנים וראית העין ושמיעת האוזן ודבור פה והלוך רגלים ודעה ובינה והשכל וכיון שהגיע זמנו להפטר מן העולם הקב״ה נוטל חלקו וחלק אביו ואמו מניח לפניהם אמר רב פפא היינו דאמרי אינשי פוץ מלחא ושדי בשרא לכלבא:

ה דרש רב חיננא בר פפא מאי דכתיב (איוב ה) עושה גדולות ואין חקר נפלאות עד אין מספר בוא וראה שלא כמדת הקב״ה מדת בשר ודם בשר ודם נותן חפץ בחמת צרורה

קשה לאשה לא ירעה למאי: זרע. מלבן את הילד מניעולו: מזורז. חזק ובריא: יום השביעי. ל ל ה ימים הוי תוחו: מנא ידע. הא לא ידע אימת מיעברא: קלסתר. זיו: מראה העין. שאף ע״ שנבראת העין מן אב ואם אינו רואה תדע שהרי המת יש לו עינים ויש לו שפתים ויש לו אזנים ואינו רואה ואינו שומע ולא מדבר: פוץ מלחא. השלך המלח מן הבשר ושוב אינו ראוי אלא לכלבים כך הנשמה היא מלח לגוף לקיימו כיון שהלכה אז מסריח הגוף:

---

גוט פאר די אִשָׁה אונ עס איז ניט גוט פאר דעם קינד דער מאן זאל איר בּוֹעֵל זיין. די מיטעלסטע דריי חֳדָשִׁים איז ניט גוט פר די אִשָׁה דער מאן זאל איר בּוֹעֵל זיין. אָבער פר דעם קינד איז דס יא גוט. די לעצטע דריי חֳדָשִׁים איז גוט פר די אִשָׁה אונ עס איז גוט פאר דעם קינד דער מאן זאל איר בּוֹעֵל זיין. ווארום דאס קינד וועט געבארען ווערין קלאר אונ ריין אונ שטארק:

מיר האבען געלערנט דער וואס איז מְשַׁמֵּשׁ הַמִּטָּה דעם ניינציגסטען טאג וויא דיא אִשָּׁה איז מְעוּבֶּרֶת געווארען. איז גלייך וויא ער וואלט גיהַרְגֶּת אַמענטשין. ווארום דאס קינד קען שטארבען אין דער מוטערס בויך פון דעם בּוֹעֵל זיין. פרעגט די גְּמָרָא פון וואנען וויים דער מאן ווען דער ניינציגסטער טאג איז. האט אַבַּיֵי גזאגט דריבער ווייל ער וויים ניט מעג ער בּוֹעֵל זיין אַלע נאכט אונ גאט וועט שוין היטען דיא נארען וואס ווייסען ניט: דיא קינדער זאלען בְּלִי בעון לעבין:

די רַבָּנָן האבען גילערנט דריי שוּתָּפִים זענען דא אין דעם מענטש. גאט אונ דער פאטער אונ די מוטער. פון דעם פאטער גייט ארויס ווייסע זֶרַע. פון די זֶרַע ווערט דער מארך וואס אין קאפ אונ די אדערין אונ די נעגיל אונ די ביינער אונ דס ווייסעל פון די אויגען. פון די מוטער גייט ארויס רויטע זֶרַע. פון די זֶרַע ווערט די הויט אונ די פלייש אונ די האר אונ דס שווארציל פון די אויגען. אונ גאט גיט אין דעם מענטש אַאָטעם אונ אַנְשָׁמָה אונ דאס שיינקייט פון דעם פָּנִים אונ דער אויג זאל קענען זעהן: אונ דער אויער זאל קענען הערין. אונ דיא מויל זאל קענען ריידען. אונ די פים זאלען קענען גיין. אונ ווייסענשאפט. אונ פאר שטאנד. אונ שֵׂכֶל. וויא עס קומט די צייט דער מענטש זאל אוועק גיין פון דער וועלט. נעמט גאט זיין חֵלֶק ווארין וואס ער האט גיגעבען אונ דעם חֵלֶק פון דעם פאטער אונ פון דיא מוטער לאזט גאט ליגען פר זיי. רַב פַּפָּא זאגט דס איז ווס מענטשין זאגען אז דו וועסט אראפ ווארפען זאלץ פון די פלייש. מעגסטו די פלייש ארוים ווארפען פר די הינט. ווארום זי וועט פר שטונקען ווערין. די נְשָׁמָה צו דעם גוף איז אזוי וויא זאלץ צו פלייש. אז די נְשָׁמָה גייט ארוים פון דעם גוף ווערט דער גוף פאר שטונקען:

ה דָּרַשׁ. רַב חֲנִינָא בַּר פַּפָּא האט גידרשת עס שטייט אין פָּסוּק גאט טוהט גרויסע זאכען ווס מען קען זיי גאר נישט נאך פארשטין. אונ ער טוהט וואונדער ביז אן אצאהל. קום אונ זעה אז די מדות פון אמענטשין זענען ניט ווי די מדות פון גאט. דיא מדות פון אמענטשין איז אז ער לייגט אריין אזאך אין אבייטעל וואס זיא איז פאר בונדען אונ דיא מויל איז ארויף. פון

דעסטוועגין

צרורה ופיה למעלה ספק משתמר ספק אין משתמר ואלו הקדוש ברוך הוא צר העובר במעי אשה פתוחה ופיה למטה ומשתמר. ד"א אדם נותן חפציו בכף מאזנים כל זמן שמכביד יורד למטה ואלו הקב"ה כ"ז שמכביד הולד עולה למעלה. דרש רבי יוסי הגלילי מאי דכתיב (תהלים קלט) אודך על כי נוראות נפליתי נפלאים מעשיך ונפשי יודעת מאד בוא וראה שלא כמדת הקב"ה מדת בשר ודם מדת בשר ודם אדם נותן זרעונים בערוגה כל אחד ואחד עולה במינו ואלו הקב"ה צר העובר במעי אשה וכולן עולין למין אחד. דבר אחר צבע נותן סמנים ליורה כולן עולין לצבע אחד ואלו הקב"ה צר העובר במעי אשה כל אחד ואחד עולה למינו. דרש רב יוסף מאי דכתיב (ישעיה יב) אודך ה' כי אנפת בי ישוב אפך ותנחמני במה הכתוב מדבר בשני בני אדם שיצאו לסחורה ישב לו קוץ ברגלו לאחד מהם התחיל מחרף ומגדף לימים שמע שטבעה ספינתו של חברו בים התחיל

כודה

עולה למעלה. כדתניא לעיל אחרונים דר' במדור העליון: כולן עולין למין אחד. זרע האב והאם נעשים בריה אחת: לצבע. כמה סממנין צריך לצבע שחור קליפה עץ ... נחים בל ... וכמה דברים כולן נעשים שחור ואינו יכול לעשות ביורה אחת מנ' וג' גוונים כב' וג' מקומות: וכל אחד ואחד עולה למינו. לונן מן האוב ושחור ... הכבה: כי אנפת בי. מפני סכנה עלי אני מודה לך בלטוכתי היה: ישב לו קוץ ברגלו לאחד

---

דערשטוויגן איז אספק אויב די זאך וועט זיין געהיט אין דר ביטער אדער זיא וועט ניט זיין געהיט. אונ גאט הט בשאפען דעם קינד אין דעם בויך פון דיא מוטער אונ די מויל איז אונטען אונ האפען אונ ער ווערט געהיט. פאלט ניט ארויס. אנדערע זאגען אזוי האט רבי חנינא גידרשת. אז אמענטש לייגט ארין אזאך אין אוואג שאל וואס שווערער די זאך איז נידעריגער גייט אראפ דיא וואג שאל. אבער ביי גאט איז ניט אזוי. וואס שווערער דס קינד ווערט גייט ער ארויף העכער:

רבי יוסי הגלילי האט גידרשת עס שטייט אין פסוק איך וועל דיך לויבען ווייל מיין בשאפונג איז גיוועזן מיט וואונדערליכע אונ פארכטיגע ווערק. דייגע ווערקן זענען וואנדערליך, ווען אויך מיין שכל ווייס פיל קליינע זאכען אבער דיינע וואונדערליכע ווערק ווייס איך גיט: קום אונ זעה אז דיא מדות פון אמענטשין זענען ניט וויא די מדות פון גאט. דיא מדות פון אמענטשין איז אז אמענטש לייגט ארין קערנער אין אבייט (?) אין אזאנגען פון יעדער קערענדיל וואקסט ארויס זיין מין נפון אקערענדיל ווייץ וואקסט ארויס ווייץ. אונ פון אקערענדיל גערשטין וואקסט ארויס גערשטין אונ אזוי אלע מינים. אונ גאט בשאפט דאס קינד אין דער מוטערס בויך פון די זרע פון פאטער אונ פון דיא זרע פון די מוטער. אונ עס ווערט ניט פון דעם זכרים זרע אזכר. אונ פון דיא נקבהס זרע אנקבה נאר פון ביידע ערליי זרע ווערט איין קינד. אנדערע זאגען אזוי הט רבי יוסי גידרשת. אז אפארבער לייגט ארין פארב אין אקעסיל. ווערט פון אלע פארבען איין פארב. אונ עס קען ניט זיין צוויי ערליי פארבען אין איין קעסיל. אבער גאט הט בשאפען דס קינד אין דער מוטערס בויך פון צוויי ערליי פארבען פון די זרע פון פאטער וואס עס איז ווייס אונ פון דיא זרע פון די מוטער וואס עס איז רויט אונ די צוויי ערליי פארבען האבען זיך ניט אויס געמישט נאר דאס קינד האט אויך עטליכע ערליי קאלארין. פון דיא ווייסע זרע באזונדער אונ פון די רויטע זרע באזונדער.

רב יוסף הט גידרשת עס שטייט אין פסוק איך לויב דיך גאט פר וואס דוא האסט גיצערינט אויף מיר עס וועט געשטילט ווערין דיין צארען וועסטו מיך טרייסטען. פון וואס שמועסט דער פסוק פאר וואס זאל מען לויבען גאט אויף זיין כעס. נאר צוויי מענטשין זענען אמאהל גיגאנגען צו אשיף זיי זאלען פארען האנדלען. אין וועג הט זיך ארין גישטאכען אשטיק האלץ ביי איינעם פון זיי אין פוס. איז זיין חבר אוועק גיפארען מיט די שיף. אונ דער איינער איז געבליבען זיצען אין דער היים. הט ער אן גיהויבען צו לעסטערין גאט. פאר דעם אומגליק וואס איהם הט גיטראפען. אין עטליכע טעג שפעטער הט ער גיהערט אז די שיף וואס זיין חבר איז אין איר גיפארען איז זיא דער טרונקען גיווארען אין ים. האט ער אן גיהויבען לויבען

נאט

מודה ומשבח לכך נאמר ישוב אפך ותנחמני . והיינו דא"ר אלעזר מאי דכתיב (תהלים עב) עושה נפלאות לבדו וברוך שם כבודו לעולם אפילו בעל הנס אינו מכיר בנסו . דרש רבי חנינא בר פפא מ"ד (שם קלט) ארחי ורבעי זרית וכל דרכי הסכנתה מלמד שלא נוצר אדם מן כל , טפה אלא כן הברור שבה . תנא דבי רבי ישמעאל משל לאדם שזורה בבית הגרנות נוטל את האוכל ומניח את הפסולת כדרבי אבהו דרבי אבהו רמי כתיב (ש"ב כב) ותזרני היל וכתיב (תהלים יח) האל המאזרני חיל אמר דוד לפני הקדוש ברוך הוא רבש"ע זרתני וזרזתני :

**ט דרש** רבי אבהו מאי דכתיב (במדבר כג) מי מנה עפר יעקב ומספר את רבע ישראל מלמד שהקב"ה יושב וסופר את רביעיותיהם של ישראל מתי תבא טפה שהצדיק נוצר הימנה ועל דבר זה נסמית עינו של בלעם אמר מי שהוא טהור וקדוש ומשרתיו טהורים וקדושים יציץ בדבר זה מיד נסמית עינו דכתיב (שם כד) ונאום הגבר שתום העין והיינו דאמר רבי יוחנן מאי דכתיב (בראשית ל) וישכב עמה בלילה הוא מלמד

מנס . ולא יכול לגלות: לבדו . שלא לבדו יודע אותו כי אפילו בעל הנס אינו מכירו : ארחי . תשמיש כמו דרך גבר בעלמה : ורבעי . תשמיש לשון לרבעה : זרית . בירכת בנפה שקורין ווי"ן כמו בזרה ובמזרה: הברור . קלי"ל בלע"ז : והזרני . חסר אל"ף (לשון מזרה : זריתני . ואח"כ תאזרני) [זריתני לשון מזרה זריתני מן הברור ואח"כ זרותני ותאזרני גי' רש"ל] לשון תגירת כת בעתנים : (זריתני . מן הברור) :

רביעיותיהן

---

גאט אויף דעם שטיק האלץ וואס איז אריין געשטאכען געווארען אין זיין פוס אונ ער איז געבליבען זיצען אין דער היים אונ איז ניט דער טרונקען געווארען . דריבער שטייט אין פסוק אז דיין כעס וועט געשטילט ווערין וועסטו מיך טרייסטען . דס איז וואס רבי אלעזר הט גזאגט עס שטייט אין פסוק גאט טוהט וואונדער אליין . קיינער ווייס ניט פון דעם וואונדער וואס גאט האט גיטאהן נאר גאט אליין . אפילו דער מענטש וואס צו איהם איז דער נס גיטאהן געווארן . ווייס ער אויך ניט פון דעם נס :

רבי חנינא בר פפא הט גידרשת עס שטייט אין פסוק ארחי ורבעי זרית וכל דרכי הסכנתה . דער פסוק דער ציילט אונז אז דאס קינד ווערט ניט בשאפען פון דעם גאנצען טראפען זרע . נאר פון דם בעסטע פון דעם טראפען . דבי רבי ישמעאל האט גילערונט דאס איז גלייך צוא אמענטש וואס שופלעווט תבואה אין שייער . נעמט ער דיא קערנער וואס צום עסן אונ דיא פלעווס לאזט ער אין שייער . אונ דאס איז אזוי וויא רבי אבהו . ווארום רבי אבהו האט גיפרעגט אין איין פסוק שטייט ותזרני חיל . אונ אין אנדערין פסוק שטייט האל המאזרני חיל . ותזרני איז דער טייטש אויס געקליבען . ותאזרני איז דער טייטש געשטארקט . נאר דוד הט גזאגט פר גאט רבונו של עולם דו האסט אויס געקליבען דם בעסטע פון מיין פאטערס טראפען זרע אונ האסט מיך בשאפען אונ דריבער האסטו מיך גישטארקט :

ט דרש . רבי אבהו הט גידרשת עס שטייט אין פסוק ווער הט גיציילט די ערד פון יעקב אונ ער הט גיציילט את רובע ישראל דעם תשמיש פון די יודען . דער פסוק לערונט אונז אז גאט זיצט אונ ציילט ער ווארט אויף דעם תשמיש פון די יודען . ווען וועט קומען דער טראפען זרע וואס אצדיק וועט פון איהם בשאפען ווערין . אונ דורך דער זאך איז בלינד געווארען די אויג פון בלעם . בלעם הט גזאגט גאט וואס ער איז ריין אונ הייליג אונ זיינע בעדינערס זענען ריין אונ הייליג זאל ער קוקען אויף אזעלכע זאכען . איז באלד בלינד געווארען זיין אויג . אזוי ווי עס שטייט אין פסוק דס איז די רייד פון דעם מענטש וואס ער האט אפארמאכט אויג . דס איז וואס רבי יוחנן האט גזאגט עס שטייט אין פסוק וישכב עמה בלילה הוא . יעקב איז גילעגען מיט לאה ביי נאכט . וואס איז דער ווארט הוא . עס האט דאך געדארפט שטיין ההוא . נאר דער ווארט הוא גייט ניט אויף דער נאכט . נאר אויף גאט . דער פסוק דער ציילט אונז אז גאט הט גיהאלפען צו דער זאך אז די נאכט זאל יעקב קומען צו לאה אונ זי זאל טעוברת ווערין מיט יששכר . גאט הט געמאכט אז דער אייזעל פון יעקב זאל קומען צו דעם גיצעלט

פון

מלמד שהקב"ה סייע באותו מעשה שנאמר (שם מט) יששכר חמור גרם חמור גרם לו ליששכר . א"ר יצחק א"ר אמי אשה מזרעת תחלה יולדת זכר איש מזריע תחלה יולדת נקבה שנאמר (ויקרא יב) אשה כי תזריע וילדה זכר . ת"ר בראשונה היו אומרים אשה מזרעת תחלה יולדת זכר איש מזריע תחלה יולדת נקבה ולא פירשו חכמים את הדבר עד שבא רבי צדוק ופירשו (בראשית מו) אלה בני לאה אשר ילדה ליעקב בפדן ארם ואת דינה בתו תלה הזכרים בנקבות ואת הנקבות בזכרים . (דברי הימים א ח) ויהיו בני אולם אנשים גבורי חיל דורכי קשת ומרבים בנים ובני בנים וכי בידו של אדם להרבות בנים ובני בנים אלא מתוך (ע"ב) שמשהין עצמן בבטן כדי שיזריעו נשותיהן תחלה שיהיו בניהם זכרים מעלה עליהם הכתוב כאלו הם מרבים בנים ובני בנים והיינו דאמר רב קטינא יכולני לעשות כל בני זכרים אמר רבא הרוצה לעשות בניו זכרים יבעול וישנה :

אמר

דניעותיהן . עונת תשמישן : הוא . הקב"ה סייע שנטה חמורו של יעקב לאהל לאה ולאותו הלילה של האתנות היה : ולא פירשו את הדבר . מאי לן : הזכרים בנקבות . בני לאה : נקבות בזכרים . את דינה בתו משום הך דרשה איש מזריע תחלה יולדת נקבה : שמשהין עצמן . מלהזריע : יכולני . שישהא עצמו מלהזריע : יבעול וישנה . שמתוך החזרה בעילה לתשובה היא מזרעת והוי כמי דמזריע אחריו תקדים הזרעתה בבעילה שניה :

---

פון לאה . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק יששכר חמור גרם . דער איזעל האט געברענגט דער צו אז יששכר זאל געבארען ווערען ווייל יעקב האט געזעהן אז דער איזעל וואס ער האט אויף אים געריטען איז אליין געקומען צו דעם געצעלט פון לאה אונ ער וויל ניט אוועק גיין פון דאנען . האט ער געוואוסט אז דא דארף ער נעכטיגען :

רבי יצחק האט גזאגט פון רבי אמי וועגן אז די זרע פון דיא אשה גייט ארויס פריער געבארט זי א זכר . אונ אז דיא זרע פון דעם מאן גייט ארויס פריער . געבארט זיא א נקבה : אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אשה כי תזריע וילדה זכר . אז די זרע פון דער אשה וועט ארויס גיין פריער וועט זי געבארין א זכר :

די רבנן האבען געלערנט אין אנהייב פלעגט מען זאגין אז דיא זרע פון דיא אשה גייט ארויס פריער . געבארט זי א זכר . אונ אז די זרע פון דעם מאן גייט ארויס פריער געבארט זיא א נקבה . אונ די חכמים האבען ניט גזאגט פון וואנען זייא ווייסען דאס . ביז רבי צדוק איז געקומען האט ער גזאגט פון וואנען מען ווייס דאס . ווארום עס שטייט אין פסוק דאס זענען דיא זיהן פון לאה וואס זיא האט געבארין צו יעקב אין פדן ארם אונ דינה זיין טאכטער (יעקבס טאכטער) . די זכרים רעכינט ער צו דיא נקבות . דיא זיהן פון לאה . אונ די טאכטער רעכונט ער צו זכרים . דיא טאכטער פון יעקב . ווייל דיא נקבות ברייגגען דער צו אז דיא זכרים זאלען געבארען ווערין . אונ דיא מאנען ברייגגען דער צוא אז דיא נקבות זאלען געבארען ווערין וועמעס זרע עס קומט פריער :

עס שטייט אין פסוק דיא זיהן פון אולם זענען געוועזען מענטשין שטארקע העלדין זיי האבן געטרעטען דיא בויגנס צום שיסען אונ זייא האבען געמערט צו האבען זיהן אונ זיהנס זיהן . איז דען אין דיא האנט פון מענטשין צו האבען קינדער נאר זיהן . אונ די זיהן זאלען אויך האבען נאר זיהן . נאר ווייל זייא פלעגין איין האלטען זייערע זרע די זרע פון דיא ווייבער זאל ארויס גיין פריער זייערע קינדער זאלען זיין זכרים . רעכונט אויף זייא דער פסוק גלייך וויא זייא וואלטען געמערט זייערע זיהן אונ זייערע זיהנס זיהן . דאס איז וואס רב קטינא האט גזאגט איך קען מאכען אז מיינע אלע קינדער זאלען זיין זכרים . ווייל ער וועט אויף האלטען זיינע זרע אז דיא זרע פון זיין ווייב זאל ארויס גיין פריער . רבא זאגט דער וואס וויל מאכען זיינע קינדער זאלען זיין זכרים זאל ער בועל זיין זיין ווייב צוויי מאל איינס נאך דעם אנדערע . וועט זיך שטארקען איר תאוה וועט ארויס גיין אירע זרע פריער :

אמר

**י אמר** רבי יצחק אמר רבי אמי אין אשה מתעברת אלא סמוך לוסתה שנאמר (תהלים נא) הן בעון חוללתי ורבי יוחנן אומר סמוך לטבילה שנאמר (שם) ובחטא יחמתני אמי מאי משמע דהאי חטא לישנא דדכויי הוא דכתיב (ויקרא יד) וחטא את הבית ומתרגמינן וידכי ית ביתא ואבע"א מהכא (תהלים נא) תחטאני באזוב ואטהר. ואמר רבי יצחק אמר רבי אמי כיון שבא זכר בעולם בא שלום בעולם שנא' (ישעיה כז) שלחו כר מושל ארץ זכר זה כר. וא"ר יצחק א"ר אמי בא זכר בעולם בא ככרו בידו זכר זה כר דכתיב (מ"ב ו) ויכרה להם כרה גדולה נקבה אין עמה כלום נקבה נקייה באה עד דאמרה מזוני לא יהבי לה דכתיב (בראשית ל) נקבה שכרך עלי ואתנה:

**יא שאלו** תלמידיו את ר"ש בן יוחאי מפני מה אמרה תורה יולדת מביאה קרבן אמר להם בשעה שכורעת לילד קופצת ונשבעת שלא תזקק לבעלה לפיכך אמרה תורה תביא קרבן מתקיף לה רב יוסף והא מזידה היא ובהרטה תליא מלתא ועוד קרבן שבועה

כעין. ע"י דם נדה שהוא סימן להריון כדקיי"ל כל אשה שדמיה מרובין בניה מרובין והוא מביאו לידי עון וקא דייק רבי יצחק כעין שכתוב לעון ולא בעון : ... לפרוש סימנה : כחטא. לשון עבירה ... כלמפרש ... ע"י דם נדה שהוא מביאו לידי עון ... גרסינן בחלבת ובכנההטלה אמי ממנה יחמתני : כר. מנחה ... סימן שלום : נקיה. הכרה כמו ... מנכסיו : עד דאמרה מזוני. שיודעת להתפלל : נקבה. כשהקוב ... נקבה נמי כל הנסיון :
לפיכך הביאה קרבן. בנועם ביטוי הטאת : מוידס

---

י אמר · רבי יצחק האט געזאגט פון רבי אמים וועגין אאשה ווערט אנדערש ניט מעוברת נאר אז דער מאן איז איר בועל נאנט צוא דער צייט וואס זיא דארף זעהן דם נדה · אזוי ווי עס שטייט אין פסוק הן בעון חוללתי · איך בין בשאפען געווארען דורך דעם זינד פון דם נדה · רבי יוחנן זאגט אאשה ווערט אנדערש ניט מעוברת נאר אז דער מאן איז איר בועל ווען זיא קומט פון דער טבילה · אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ובחטא יחמתני אמי · ווען מיין מוטער האט זיך גירייניגט פון נדה איז זיא דער היצט געווארין מעוברת געווארין מיט מיר · פון וואנען ווייסען מיר אז חטא איז דער טייטש ריינגען · ווארום עס שטייט אין פסוק וחטא את הבית טייטשט דער תרגום · וידכי ית ביתא · ער זאל ריינגען די שטוב · אונ אויב דוא ווילסט וועל איך דיר זאגען פון דעם פסוק תחטאני באזוב ואטהר · דוא זאלסט מיך ריינגען מיט אזוב וועל איך זיין ריין:

נאך האט רבי יצחק גזאגט פון רבי אמים וועגין אז א זכר ווערט גיבארען אויף דער וועלט קומט שלום אויף דער וועלט · אזוי וויא עס שטייט אין פסוק שלחו כר מושל ארץ: זכר מאכט זה כר · אונ מושל איז דיא אותיות שלום · אז א זכר ווערט געשיקט אויף דער וועלט איז שלום אויף דער וועלט:

נאך הט רבי יצחק גזאגט פון רבי אמים וועגין אז א זכר קומט אויף דער וועלט קומט זיין ברויט אין האנט · ער וועט זיין עסין פאר דינען · זכר מאכט זה כר · אונ כר איז דער טייטש עסין · אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ויכרה להם כרה גדולה · ער האט גימאכט פאר זייא א גרויסע סעודה · אונ אז א נקבה קומט אויף דער וועלט הט זיא מיט זיך גאר ניט גיבריינגט · ווארום דער ווארט נקבה מאכט נקיה באה · זיא איז גיקומען ריין אונ ליידיג · אזוי לאנג וויא זיא בעט ניט אויף עסין גיט מען איר ניט · אזוי וויא עס שטייט אין פסוק נקבה שכרך עלי ואתנה · רייד ארויס דיין פאר דינסט וועל איך דיר געבין ונקבה איז די אותיות נקבהו:

יא שאלו · דיא תלמידים האבען גיפרעגט ביי רבי שמעון בן יוחאי פר וואס האט די תורה גזאגט אז א געווינערין זאל בריינגען א קרבן · האט רבי שמעון גזאגט וויל א אשה ווען זיא דארף גיבארין דאס קינד פון איר גרויסע שמערצין שווערט זיא אז זיא זאל זיך שוין מער ניט בהעפטין מיט איר מאן · דער נאך איז זיא דאך ניט מקיים די שבועה · דריבער האט דיא תורה גזאגט זיא זאל בריינגען א קרבן · האט רב יוסף גיפרעגט זיא איז דאך ניט

נוקים

שבועה בעי איתויי. ומפני מה אמרה תורה זכר לשבעה ונקבה לי"ד זכר שהכל שמחים בו מתחרטת לשבעה נקבה שהכל עצבים בה מתחרטת לי"ד. ומפני מה אמרה תורה מילה לשמונה שלא יהו כולם שמחים ואביו ואמו עצבים. תניא היה ר"מ אומר מפני מה אמרה תורה נדה לשבעה מפני שרגיל בה וקץ בה אמרה תורה תהא טמאה ז' ימים כדי שתהא חביבה על בעלה כשעת כניסתה לחופה. שאלו תלמידיו את ר' דוסתאי בר' ינאי מפני מה איש מחזר על אשה ואין אשה מחזרת על איש משל לאדם שאבד לו אבדה מי מחזר על מי בעל אבדה מחזר על אבדתו. ומפני מה איש פניו למטה ואשה פניה למעלה כלפי האיש

זה

שאני. ואין כאן קרבן דהא ונעלם כתיב בשבועת ביטוי: ונחרטה הויא. לפיכך לה כתרטה ויתיר לה חכם שבועתה אבל קרבן אינו עוקר ומתיר שבועה: ועוד קרבן שבועה בעי איתויי. כשהיא בעירה והאי עוף הוא. מתחרטת לשבעה. ומתאוה לשמש בעלה כדי שתחזור ותתעבר זכר: ומפני מה מילה לשמונה. ולא לשבעה. שלא יהו הכל שמחין. שאוכלין ושותין בסעודה: ואביו ואמו עצבין. שאסורין בתשמיש: נדה שבעה. ולא כיולדת קאי: מפני שאדם רגיל באשתו. כל שעה שירצה: וקץ בה. מאוסה עליו אמרה תורה כל שעה שתראה תהא טמאה שבעה כדי שלא יהא רגיל בה ותתחבב עליו: מחזר על האשה. אדם ספוי מבקש ומחזר עד שמוצא: פניו למטה. בשעת תשמיש: זה ממקום שנברא. מסתכל באדמה שנברא ממנה והיא נסתכלת

---

מְקַיֵּים דִיא שְׁבוּעָה מִיט אִיר ווִילֶען. זִיא ווֵייס אַז זִיא הָאט גִישְׁוואוֹרִין אוּנ זִיא הַאלְט נִיט דִיא שְׁבוּעָה. אוֹיף אַזוֹי אַעֲבֵירָה קוּמְט דָאךְ נִיט אַקָרְבָּן. וָוארוּם אַקָרְבָּן קוּמְט נָאר אוֹיף אַזוֹי אַעֲבֵירָה וָואס מֶען טוּהט אוּמְגֶערִין נִיט ווִיסֶנְדִיגוּ. אוּנ נָאךְ אַזַאךְ בַּייא אַשְׁבוּעָה דַארְף מֶען הָאבֶּען חֲרָטָה אוּנ אַחָכָם אִיז מַתִּיר דִי שְׁבוּעָה. אָבֶּער אַקָרְבָּן אִיז נִיט מַתִּיר אַשְׁבוּעָה. אוּנ נָאךְ אַזַאךְ וָוען עֶס זָאל שׁוֹין זַיין אַקָרְבָּן. דַארְף זִיא דָאךְ בְּרֵיינְגֶען אַקָרְבָּן שְׁבוּעָה וַאשֶׁעֶפְּס אָדֶער אַקָאזֶע; אָבֶּער נִיט טָאהבְּין. אוּנ פַאר וָואס הָאט דִיא תּוֹרָה גִזָאגְט אַז דִיא אִשָּׁה גִיבֶּארְט אַזָכָר דַארְף זִיא בְּרֵיינְגֶען אַקָרְבָּן אוֹיף זִיבֶּן טָאג. אוּנ אַז זִיא גִיבֶּארְט אַנְקֵבָה דַארְף זִיא בְּרֵיינְגֶען אַקָרְבָּן אוֹיף פֶערְצֶעהְן טֶעג. ווַייל מִיט אַזָכָר פְרֵייֶען זִיךְ אַלֶע מֶענְטְשִׁין הָאט זִיא חֲרָטָה אוֹיף אִיר שְׁבוּעָה צוּא זִיבֶּען טָאג. אוּנ מִיט אַנְקֵבָה זֶענֶען אַלֶע טְרוֹיעֶרִיג ווַייל מֶען ווֵייס זִיא ווֶעט אוֹיךְ אַמָאהל הָאבֶּען דִיא זֶעלְבִּיגֶע שְׁמֶערְצִין וָואס אִיר מוּטֶערוּ הָאט דִיא מוּטֶער אִיצְט חֲרָטָה אוֹיף דֶער שְׁבוּעָה צוּ פֶערְצֶעהְן טֶעג. אוּנ פַאר וָואס הָאט דִיא תּוֹרָה גִזָאגְט אַז מֶען זָאל מַל זַיין דָאס קִינְד צוּ אַכְט טָאג. עֶס זָאלֶען נִיט זַיין אַלֶע פְרֵייליךְ אוּנ דֶער פָאטֶער מִיט דִיא מוּטֶער טְרוֹיעֶרִיג. וָוארוּם אַז מֶען ווֶעט מַל זַיין צוּ זִיבֶּען טָאג אָדֶער נָאךְ פְרִיעֶר ווֶעלִין אַלֶע זַיין פְרֵייליךְ זַייא ווֶעלֶען עֶסִין אוּנ טְרִינְקֶען אוֹיף דֶער סְעוּדָה. אוּנ דֶער פָאטֶער מִיט דִיא מוּטֶער ווֶעלֶען זַיין טְרוֹיעֶרִיג ווַייל זַייא טָארִין זִיךְ נִיט בַּהֶעפְטִין. אָבֶּער אַז דִיא מִילָה אִיז דֶעם אַכְטֶען טָאג ווֶעט דִיא מוּטֶער גֵיין טְבִילָה דִיא נַאכְט וָואס גִיהֶער צוּם אַכְטֶען טָאג. אוּנ אוֹיף מָארְגֶען צוּם בְּרִית ווֶעלֶען אַלֶע זַיין פְרֵייליךְ:

מִיר הָאבְּען גִילֶערְנְט רַבִּי מֵאִיר הָאט גִזָאגְט פַאר וָואס הָאט דִיא תּוֹרָה גִזָאגְט אַז אַנִדָּה זָאל זַיין טְמֵא זִיבֶּען טָאג ווַייל דֶער מַאן אִיז גִיוואוֹהנְט מִיט זַיין ווַייבּ ווֶעט זִיא בַּייא אִיהם פַאר מִיאוּסְט ווֶערִין דְרִיבֶּער הָאט דִיא תּוֹרָה גִזָאגְט זִיא זָאל זַיין טְמֵא זִיבֶּען טָאג. אוּנ ווֶען זִיא ווֶעט זִיךְ טוֹבֵל זַיין ווֶעט זִיא זַיין גֶעלִיבְּט אוֹיף אִיר מַאן אַזוֹי וִויא זִיא אִיז גֶעלִיבְּט גִיוֶועזֶען ווֶען זִיא אִיז אַרַיין גִיגַאנְגֶען אוּנְטֶער דִי חוּפָּה:

דִיא תַּלְמִידִים הָאבֶּען גִיפְרֶעגְט בַּייא רַבִּי דוֹסְתָּאִי בְּרַבִּי יַנַאי פַאר וָואס זוּכְט דֶער מַאן צוּ נֶעמֶען אַווַייבּ. אוּנ דָאס ווַייבּ זוּכְט נִיט צוּ נֶעמֶען אַמַאן. דָאס אִיז גְלַייךְ צוּ אַמֶענְטְשׁ וָואס הָט פַארְלָארֶען אַזַאךְ. ווֶער זוּכְט ווֶעטֶען. דֶער מֶענְטְשׁ זוּכְט דִי זַאךְ. אָבֶּער דִיא זַאךְ זוּכְט נִיט אִיר בַּעַל הַבַּיִת. דִי אִשָּׁה אִיז בַּשַׁאפֶען גִיוָוארֶען פוּן דֶעם מַאנְס אַרִיפ. דְרִיבֶּער זוּכְט דֶער מַאן וָואס עֶר הָאט פַארְלָארֶען. אָבֶּער דָאס ווַייבּ זוּכְט נִיט אִיר בַּעַל הַבַּיִת. פַר וָואס ווֶען דֶער מַאן בַּהֶעפְט זִיךְ מִיט זַיין ווַייבּ לִיגְט עֶר מִיט דֶעם פָּנִים אַרָאפּ אוּנ דָאס ווַייבּ לִיגְט מִיט דֶעם פָּנִים אַרוֹיף קֶעגִין אִיר מַאן. דֶער מַאן קוּקְט צוּ דֶעם אֶרְד וָואס עֶר אִיז פוּן אִיהם בַּשַׁאפֶען

גיווארען

זה ממקום שנברא וזו ממקום שנבראת . מפני מה האיש מקבל פיוס ואין אשה מקבלת פיוס זה ממקום שנברא וזו ממקום שנבראת . מפני מה איש קולו עב ואין אשה קולה עבה זה ממקום שנברא וזו ממקום שנבראת שנא' (שה"ש ב) כי קולך ערב ומראך נאוה :

## בנות כותים פרק רביעי

(דף לג ע"ב) **א רב** פפא איקלע לתואך אמר אי איכא צורבא מרבנן הכא איזיל איקביל אפיה אמרה ליה ההיא סבתא איכא הכא צורבא מרבנן רב שמואל שמיה ותני מתניתא יהא רעוא דתיהוי כוותיה אמר מדקמברכי' לי בנויה ש"מ ירא שמים הוא אזל לגביה רמא ליה תורא רמי ליה מתני' אהדדי וכו':

(דף לו ע"ב) **ב שילא** בר אבינא עבד עובדא כוותיה דרב כי קא ניחא נפשיה דרב א"ל לרב אסי זיל צנעיה ואי לא צייה גרייה הוא סבר גדייה א"ל כי קא ניחא נפשיה דרב א"ל הדר בך דהדר ביה רב אמר ליה אם איתא דהדר ביה לדידי הוה אמר לי

בו שנולדה הימנה : מקבל פיוס . מה נראית : זה ממקום שנבראת . אדמה עפר אינה נוח ליבטל אבל בשר ועצמות קשין . עלה כשמכין בו קולו נשמע אבל קרקע כשמכין בו אין קולו נשמע : נהולך . מקום : רמא ליה תורא . רב שמואל שחט שור לכבוד רב פפא : (עבד עובדא כוותיה דרב . בענין שמקשה ותחזס דם הרי זו כדה אם היא ליומא או לאו . והבנת דין זה בגמרא כי זה שנאמר לא נכתב כאן כי אם לענין עובדא בין החכמים בשעה שסיפרתם להודות על שמחה): צנעיה . הסתר אותו דבר ואמר לו שיחזור בו דעתו לגמרי : גרייה . ברי"ם כלומר גרוז ומשוך אותו בדברי טעם ורמות שיחזור בו : גדייה . הכריזו בשמתא כמו גודו אילנא : לדידי הוה

---

גיוואָרען . פון דיא ערד . אונ זיא קוקט צו דעם אָרט וואס זי איז פון איהם בשאפען גיוואָרען . פון דעם מאן . פאר וואס אז דער מאן ווערט בייזקען מען איהם געשווינט גוט מאכען . אונ אז די אשה ווערט בייז איז שווער זיא זאל גוט ווערין . ווייל ער איז בשאפען גיוואָרען פון ערד אין ער ווייך ; אונ זיא איז בשאפען גיוואָרען פון ביין איז זיא האַרט . פאר וואס האט אזכר אנגראָבען קול . אונ אנקבה האט ניט אגראָבין קול . ווייל ער איז בשאפען גיוואָרין פון ערד אונ אז מען קלאפט אין ערד הערט מען ניט קיין קול ; דריבער מוז זיין זיין קול גראָב אונ שטאַרק מען זאל קענען הערין . אונ זיא איז בשאפען גיוואָרען פון ביין . אונ אז מען קלאפט אין ביין קלינגט . דריבער קלינגט איר קול אפילו זיא רעט שטיל אונ איידיל . אונ עס שטייט אין פסוק אז דער חתן לויבט זיין כלה דיין קול איז זיס אונ דיין אוים זעהן איז שיין :

## פרק רביעי

**א** רב פפא איז אמאהל גיקומען אין די שטאט תואך . האט רב פפא גזאגט אויב אין דער שטאט איז דא אתלמיד חכם וועל איך גיין צו איהם איך זאל איהם זעהן . האט אאלטע יודינע גזאגט צו רב פפא אין דער שטאט איז דא אלמדן אונ זיין נאמען איז רב שמואל . אונ ער לערונט ברייתות ; הלואי זאלסטו זיין אזוי וויא ער איז . האט רב פפא גזאגט ווייל זיא בענשט מיך איך זאל זיין אזוי וויא רב שמואל . געוויס איז דער רב שמואל אפרומער . איז רב פפא גיגאנגען צו רב שמואל . הט רב שמואל גישאכטען אאקס צוא מאכען אסעודה פאר רב פפא ; דער ווייל האט רב פפא גיפרעגט אקשיא פון איין ברייתא אויף די אנדערע . רב שמואל זאל די קשיא פר ענטפערין :

**ב** שילא בר אבינא האט גיפסקת אדין אזוי וויא רב . איידער רב איז גישטארבען האט ער גזאגט צו רב אסי גיי זאג צו שילא ער זאל פאר בארגין דעם דין אונ זאל ניט מער אזו פסקנען . אונ אויב שילא וועט ניט וועלין פאלגין . גרייה . זאלסטו איהם אפ ציהען פון דעם דין מיט בעווייזונגען אונ אויף קלערונג . רב אסי האט גימיינט אז רב הט צוא איהם גזאגט אויב שילא וועט ניט וועלען פאלגען . גדייה . זאלסטו איהם אריין לייגען אין חרם . דער נאך ווי רב איז גישטארבען . האט רב אסי גזאגט צו שילא דו זאלסט חרטה האבען פון דעם דין . ווארום רב האט אויך חרטה גיהאט פון דעם דין . הט שילא גזאגט צו רב אסי אז רב וואלט חרטה גיהאט

פון

לי לא ציית גדייה א"ל ולא מסתפית מר מדליקתא א"ל אנא איסי בן יהודה דהוא איסי בן גור אריה דהוא איסי ב"ג יהוא איסי בן מהללאל אסותא דנחשא דלא שליט ביה רקבא א"ל ואנא שילא בר אבינא בוכנא דפרולא דמתבר אסותא דנחש' חלש רב אסי עיילוה בחמימי אפקוה בקרירי עיילוה בקרירי אפקוה מחמימי נח נפשיה דרב אסי (דף לז) אזל שילא אמר לדביתהו צביתי לי זוודתא דלא ליזיל ולימא לרב מילי עילואי צביתא ליה זוודתא נח נפשיה דשילא חזו דפרחא אסא כהאי פוריא להאי פוריא אמרי ש"מ עבדו רבנן פייסא :

(דף לח) **ג אמר** שמואל אין האשה מתעברת ויולדת אלא לרע"א יום או לרע"ב יום או לרע"ג הוא דאמר כחסידים הראשונים דתניא חסידים הראשונים לא היו משמשין כטותיהם אלא בד' בשבת שלא

אמר לי דתלמידיה אנא : גדייה. שמתיה : מדליקתא. אנא תכוה נגהלתי : אכותא. משום דכמיה אסי דייש לשמיה הכי : עיילוה ברמיתי. חולי הוס : קירירי. חולי צינן : אזל שילא אמר לדביתהו צבית לי זוודתא. תכריכין : מילי. שלא ילשין עלי בפני רב : דקא פרח אסא. רגילין היו להניח הדס על המטה והדס של אלו פורח היה והולך ממטה למטה : פייסא. שלום :

או לרע"א. דהוו להו ט' הדשים שלמים של שלשים ויום ראשון של עשירי יולדת : או לרע"ב. כלומר אם לא קלט הזרע יום ראשון קולט בשני ומיום קליטתו הוי התחלת העיבור : או לרע"ג. שאם לא קלט בב' קולט בג' אבל אם לא קלט בג' שוב אינו קולט דקיי"ל דעד שלשה הוי ראוי להזריע מכאן ואילך מסריח כמסכת שבת בפלוגתא שכבת זרע ליום השלישי בפרק רבי עקיבא : כות. שמואל דאמר כחסידים : לידי חילול שבת. שלא תלד בשבת ויצטרך לחלל עליה את השבת : אלא ברביעי. אבל

---

ון דעם דין וואלט ער מיר גזאגט. האט שילא ניט געוואלט פאלגין. האט רב אסי מתפלל געוועזן. האט שילא גזאגט צו רב אסי דו האסט ניט מורא פאר מיין פייאר. טאמער וועל איך דיך שטראפען. האט רב אסי גזאגט איך בין איסי בן יהודה וואס ער איז איסי בן גור אריה וואס ער איז איסי בן גמליאל וואס ער איז איסי בן מהללאל וואס איך בין אקופערנער מערזאן וואס ער קען ניט פאר פוילט ווערין. האט שילא גזאגט אונ איך שילא בר אבינא בין איין אייזערנער שטויס וואס איך קען צו ברעכען אקופערנעם מערזאן. איז רב אסי קראנק געווארין עס האט איהם אריין געבריינגט אין אהייץ קראנקייט. אונ אין אקעלט קראנקייט. ביז רב אסי איז געשטארבען. איז געגאנגען שילא צו זיין ווייב אונ האט גזאגט צוא איר גרייט אן פאר מיר אכריכין. איך וויל אויך מיט שטארבען גלייך מיט רב אסי. ווארום איך האב מורא ער וועט מיך פאר מסרין פאר רב. הט דאס ווייב אן געגרייט תכריכים. אונ שילא איז באלד געשטארבען. זענען געלעגין בידע מתים רב אסי אונ שילא אויף צוויי בעטלאך. איינע נעבין דיא אנדערע אויף די בעט פון רב אסי איז געלעגין הדסים. אונ אויף דיא בעט וואס שילא איז געלעגין איז אויך געלעגין הדסים. האט מען געזעהן וויא די הדסים וואס זענען געלעגין אויף די בעט פון רב אסי זענען געפלויגען אויף דיא בעט פון שילא. אונ דיא הדסים וואס זענען געלעגין אויף דיא בעט פון שילא זענען געפלויגען אויף די בעט פון רב אסי. הט מען גזאגט מען זעהט אז די רבנן רב אסי אונ רב שילא האבען געמאכט שלום צווישען זיך:

ג אמר. שמואל האט גזאגט אז אמאן איז בועל זיין ווייב אויב זיא איז באלד די זעלביגע נאכט מעוברת געווארין דארף זיא ציילען צוויי הונדערט מיט איין אונ זיבעציג טעג אונ אויף מארגען וועט זיא געבארין דאס קינד. נאר טאמער איז זיא איצט מארגען מעוברת געווארען. דריבער זאל זיא ציילען נאך אטאג. איז צוויי הונדערט מיט צווייא אונ זיבעציג טעג. אונ טאמער איז זיא איצט מעוברת געווארען אויף דעם היינטען טאג. דריבער זאל זיא ציילען נאך אטאג. איז צוויי הונדערט מיט דריי אונ זיבעציג טעג. אונ שפעטער קען שוין ניט זיין. ווארום נאך דעם דריטען טאג איז שוין דיא זרע קאליע געווארען. אונ די אשה קען שוין ניט מעוברת ווערין. אונ שמואל זאגט אזוי וויא דיא ערשטע חסידים. ווארום מיר האבען געלערנט דיא ערשטע חסידים פלעגין ניט משמש המטה זיין נאר דיא נאכט וואס געהער צו מיטוואך. זייערע ווייבער זאלען ניט מחלל שבת זיין. זייא זאלען ניט געבארין זייערע קינדער אום שבת. אלע נאכט ביא נאכט צו זונטאג אונ די נאכט צו מאנטאג אונ די נאכט צו דינסטאג ווען זיי וועלען

בועל

שלא יבואו נשותיהן (ע"ב) לידי חלול שבת. ברביעי ותו לא איצא מרביעי ואילך אמר מר זוטרא מאי טעמייהו דחסידים הראשונים דכתיב (רות ד) ויתן ה' לה הריון הריו"ן בגימטריא מאתן ושבעים וחד הוו אמר מר זוטרא אפילו למ"ד יולדת לתשעה אינה יולדת למקוטעים יולדת לשבעה יולדת למקוטעים שנאמר (ש"א א) ויהי לתקופת הימים ותהר חנה ותלד בן מיעוט תקופות שנים מיעוט ימים שנים:

## יוצא דופן פרק חמישי

(דף מה) **ת"ר** מעשה ביוסטני בתו של אסוירוס בן אנטונינוס שבאתה לפני רבי א"ל רבי אשה בכמה נישאת א"ל בת ג' שנים ויום אחד ובכמה מתעברת א"ל לי ב שנה ויום אחד א"ל אני נשאתי בשש וילדתי בז'

או

ליל ג' וליל שני ומוצאי שבת לא דאי מתעברת מ[מוצאי] שבת שמא תלד לרע"ג דמטי בשבת ומצאת שבת מחללת שניתן רשות לחללו מפני סכנה גופה ור"ד עשה ממאתים וע"ג ימים שבועות ומאה ימים כיו שבועים שוין בר מתרי יומין וכן למאה ימים האחרונים שני ימים הרי ארבעה ימים עודפים על השבועים ושבעים ימים כונס שוים ושלשה ימים הן על ארבעה העודפים הרי שבוע וכיון שבתחילו במוצאי שבת נמצא כליס בשבת ואם מתעברה בג' דלמא ילדה לרע"ב דמטי בשבת ואם נתעברה בליל ב' דלמא ילדה לרע"א דמטי בשבה אבל ברביעי ילדה לרע"א מטי בחד בשבת ואי למאתים ושבעים ואיס מטי בתרי בשבת ואי למאתים ושבעים ובלא מטי בהלא בשבת אלמא כדמוקי כדירא ליה: ברביעי ותו לא. כ"ם דאי מיעברה בכ' או בו' בשבה דלא מטי יום לידה בשבה: לתקופת הימים. כתיב מיעוט ימים שנים דכל מקום שנאמר ימים ולא נאמר כמה הפוס המועט בידך ולא המרובה שאם אתה אומר ימים שלשה או ארבעה אני אומר שנים תו מאה כך בנו הכמים כל שמשמעו מרובה ומשמעו מועט תפסת מרובה לא תפסת תפסת מיעט תפסת ולכך כאן בנאמר ימים מבין שכלשו שני ימים בהדם בימעי יבדה:

---

בועל זיין קען אוים קומען זייא זאלען גיבארין אום שבת. נאר אז זייא וועלען בועל זיין דיא נאכט צו מיטוואך. קענען זייא ניט גיבארין אום שבת. פרעגט דיא גמרא נאר דיא נאכט צוא מיטוואך אז זייא וועלען בועל זיין וועט מען ניט גיבארין אום שבת. אז זייא וועלען בועל זיין די נאכט צו דאנערשטאג אדער די נאכט צו פרייטאג אדער דיא נאכט צו שבת וועט דאך אויך ניט אויס קומען מען זאל גיבארען אום שבת. ענפערט דיא גמרא מען מיינט זיי פלעגין בועל זיין פון מיטוואך ביז שבת (דיא נאכט צו מיטוואך אונ די נאכט צו דאנערשטאג אונ די נאכט צו פרייטאג אונ די נאכט צו שבת) אין איינע פון דיא פיר נעכט. מר זוטרא הט גזאגט פאר וואס האבען די ערשטע חסידים אזוי גיטאהן. זייא זאלען נאר בועל זיין אין איינע פון די פיר נעכט. ווארום עס שטייט אין פסוק ויתן ה' לה הריון. גאט האט גיגעבען צוא איר אשוואנגערשאפט. דער ווארט הריון בטרעפט צוויי הונדערט מיט איין אונ זיבעציג. צו זאגען אונז אז אאשה איז מעוברת צוויי הונדערט מיט איין אונ זיבעציג טעג. נאר ווייל מיר ווייסען ניט ווען די זרע האט אן גענומען ביי דיא מוטער אין בויך. באלד דיא ערשטע נאכט. אדער דיא אנדערע. אדער די דריטע. דריבער דארף זי ציילן ביז צוויי הונדערט דריי אונ זיבעציג טעג. אונ אז זייא וועלען בועל זיין די נאכט צו זונטאג אדער צו מאנטאג אדער צוא דינסטאג קען אוים קומען זי זאל גיבארען אום שבת וועט מען דאך דארפען מחלל שבת זיין. מר זוטרא האט גזאגט אפילו דער וואס זאגט דיא אשה וואס גיבארט דאס קינד צו ניין חדשים. גיעבירט זיא ניט צו אפ גיהאקטע ניין חדשים. נאר צו פולע ניין חדשים. אבער די אשה וואס גיבארט צו זיבען חדשים. גיעבירט זיא אפילו צו ווייניגער וויא זיבען חדשים. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ויהי לתקופת הימים איז חנה מעוברת גיווארין אונ הט גיבארן אזוהן. תקופות מיינט מען צום ווייניגסטען צוויא תקופות. ימים מיינט מען אמווייניגסטען צוויא טעג. איין תקופה איז דריי חדשים. צוויא תקופות איז זעקס חדשים. האט חנה גיבארען דאס קינד צוא זעקס חדשים מיט צוויי טעג:

## פרק המישי

**א** תנו רבנן דיא רבנן האבען גילערנט עס האט אמאהל גיטראפען יוסטני דיא טאכטער פון אסוירוס דער זוהן פון אנטונינוס איז געקומען פאר רבי אונ זיא האט גזאגט צו רבי צו וויא פיל יאהר קען אנקבה תתעברה האבען. הט רבי צו איר גזאגט אז זיא איז אלט

דריי

אוי לג' שנים שאבדתי. שאבדתים לגמרי: מן העולם. כלומר מעוברות כולם ולא משיגן תשובה הרבה נימין בכולתי בולם:

אוי לג' שנים שאבדתי בבית אבא ומי מיעברא והא תני רב ביבי וכו' אבע"א (יחזקאל כג) אשר בשר חמורים בשרם אבע"א (תהלים קמד) אשר פיהם דבר שוא וימינם ימין שקר:

(ע"ב) **ב** א"ר חסדא מ"ט דרבי (בראשית ב) ויבן ה' את הצלע מלמד שנתן הקב"ה בינה יתרה באשה יותר מבאיש. ר"ל משום ר"ש בן מנסיא אמר ויבן ה' את הצלע אשר לקח מן האדם לאשה ויביאה אל האדם מלמד שקלעה הקב"ה לחוה והביאת אצל אדם הראשון שכן בכרכי הים קורין לקלעיתא בנייתא:

## בא סימן פרק שמיני

(דף נב) **א** כתיב (איוב ט) אשר בשערה ישופני והרבה פצעי חנם אמר רבא איוב בסערה חרף ובסערה השיבוהו בסערה חירף אמר לפניו רבש"ע שמא רוח סערה עברה לפניך ונתחלף לך בין איוב לאויב. בסערה השיבוהו (שם לח) ויען ה' את (ע"ב) איוב

---

דריי יאהר מיט אטאג קען זיא שוין חתונה האבען. אונ צו וויא פיל יאהר קען זיא מעוברת ווערין. האט רבי גזאגט אז זיא איז אלט צוועלף יאהר מיט אטאג קען זיא מעוברת ווערין. האט יוסטני גזאגט איך האב חתונה גיהאט ווען איך בין אלט גיוועזען זעקס יאהר. אונ ווען איך בין אלט גיוועזען זיבען יאהר האב איך שוין גיבארען אקינד. אשאד די דריי יאהר וואס איך האב פאר לארען ביי מיין פאטער: איך האב דאך גיקענט חתונה האבען צו דרייא יאהר. פרעגט דיא גמרא איז זיא דען מעוברת גיווארען אין זיבעטין יאהר. רב ביבי האט דאך גילערנט אז מען קען ניט מעוברת ווערין אין זיבעטין יאהר. ענטפערט דיא גמרא אויב דוא ווילסט וועל איך דיר זאגען דיא פאר צייטיגע גוים האבען זייערע ווייבער יא גיקענט מעוברת ווערין צו זעקס אדער צו זיבען יאהר. ווייל דער פסוק זאגט אויף זייא וויא די פלייש פון אייזלען אזוי איז זייער פלייש. זיי זענען וויא דיא בהמות. אונ אויב דוא ווילסט וועל איך דיר זאגען דיא יוסטני האט גזאגט ליגען. זיא האט גאר ניט גיבארען צו זיבען יאהר. אזוי וויא דער פסוק זאגט זייער מויל רעט פאלשקייט אונ זייער רעכטע האנט איז פאלש ודער פסוק מיינט דיא גוים האבען נאר ליב זיך צו בריהמען מיט וואס זיי האבען ניט אונ מיט וואס זייא טוהען ניט. זייער מויל רעט פאלשקייט זיי האבען. אונ אין אמת האבען זיי ניט. אונ זייער רעכטע האנט האט גאר ניט גיטאהן. אונ זיי בריהמען זיך זיי האבען גיטאהן:

**ב** אמר. רב חסדא האט גזאגט רבי דרשת דעם פסוק ויבן ה' את הצלע. ויבן איז דער טייטש פאר שטאנד וחכמה. דער פסוק לערונט אונז אז גאט האט גיגעבען צו דער נקבה מער חכמה וויא צו דעם זכר. ריש לקיש זאגט פון רבי שמעון בן מנסיאם וועגין עם שטייט אין פסוק ויבן ה' את הצלע אשר לקח מן האדם לאשה ויביאה אל האדם. דער פסוק לערונט אונז אז גאט האט פר פלאכטען די האר פון חוה אונ האט איר גיברייננט צוא אדם הראשון. ווארום אין דיא שטעט פון ים רופט מען אויף פלעכטען. בנייתא. איז ויבן דער טייטש פלעכטין:

## פרק שמיני

**א** כתיב. עם שטייט אין פסוק איוב האט גזאגט אשר בשערה ישופני והרבה פצעי חנם. רבא זאגט איוב האט גילעסטערט גאט מיט דעם ווארט שטורעם: אונ מיט שטורעם האט איהם גאט גיענטפערט. מיט דעם ווארט שטורעם האט איוב גילעסטערט גאט. ווארום ער האט גזאגט פאר גאט רבונו של עולם טאמער איז אשטורעם ווינט פר ביי גיגאנגען פאר דיר

איוב מן הסערה ויאמר אליו שוטה שבעולם הרבה נימין בראתי בראשו של אדם ולכל נימא ונימא בראתי לה גומא בפני עצמה שלא יהיו שתים יונקות מגומא אחת שאלמלי שתים יונקות מגומא אחת מכחיש מאור עיניו של אדם גומא בגומא לא נתחלף לי איוב באויב נתחלף לי :

מקום טומאה לח . שנבלעו שם מים של סדין מתוך שהיה עפר רך :

יוחנן בן קרח אמר לגדליה שמעתי שבא ישמעאל בן נתניה להרגך : ביד גדליה . משמע שע"י

## האשה פרק תשיעי

(דף סא) **א תניא** אבא שאול אומר מעשה בסלע בית חורון שהיו מחזיקין בה טומאה ולא יכלו חכמים לבדוק מפני שהיתה מרובה והיה שם זקן אחד ור' יהושע בן חנניא שמו א"ל הביאו לי סדינים הביאו לו סדינים ושראן במים ופרסן עליהן מקום טהרה יבש מקום טומאה לח ובדקו ומצאו בור גדול מלא עצמות . תנא הוא הבור שמלא ישמעאל בן נתניה חללים דכתיב (ירמיה מא) והבור אשר השליך שם ישמעאל את כל פגרי האנשים :
**כתיב** (שם) והבור אשר השליך שם ישמעאל את כל פגרי האנשים אשר הכה ביד גדליהו וכי גדליה הרגן והלא ישמעאל הרגן אלא שמתוך שהיה לו לחוש לעצת יוחנן בן קרח ולא חש מעלה עליו הכתוב כאלו הרגן . אמר רבא האי לישנא בישא אע"פ דלקבולי
לא

---

דיר אונ ער הט פר טאהשט דיא ווערטער פון איוב אויף אויב . האט איהם גאט געענטפערט מיט שטורעם . אזוי וויא עס שטייט אין פס"ק גאט האט געענטפערט צו איוב פון שטורעם אונ ער האט גזאגט צו איהם דו נאר פיל האר האב איך בשאפען אויף דעם קאפ פון אמענטשין אונ צו יעדער האר האב איך בשאפען אבזונדער גריבער עס זאלען ניט וואקסען צוויא האר פון איין גריבעל . ווארום אז צווי האר וואלטען וואקסען פון איין גריבור וואלטען טונקעל געווארען די אויגען פון מענטשין . אגריבול אויף אגריבול איז מיר ניט פאר טאהשט געווארען וועט מיר פר טאהשט ווערין פון איוב אויף אויב :

## פרק תשיעי

**א** תניא . מיר האבען געלערנט אבא שאול זאגט עס האט אמאהל געטראפען אין דיא שטאט בית חורין איז געוועזן אהארטע שטיק ערד אונ מען הט געהאלטען די שטיק ערד פר טמא ואין איר זאלען זיין בגראבען מתים אונ די חכמים האבען ניט געקענט זוכען אין די ערד אויב אין איר איז דא מתים אדער ניין ווייל די שטיק ערד איז געוועזן גאנץ גרויס . איז דארט געוועזן אאלטער מאן זיין נאמען איז געוועזן רבי יהושע בן חנניה . הט רבי יהושע גזאגט צו די מענטשין פון שטאט ברייננט צו מיר ליילעכער . הט מען געבריינגט צו איהם ליילעכער . הט רבי יהושע געווייקט די ליילעכער אין וואסער אונ הט זיי פר שפרייט אויף דיא גאנצע שטיק ערד . דער ארט וואס אין איהם זענען ניט געוועזן בגראבען מתים . איז דער ארט געבליבען טרוקען . די ערד הט ניט איין געזאפט קיין וואסער . אונ דער ארט וואס אין איהם זענען יא געוועזן בגראבען מתים : דער ארט איז געווארען נאס פון דיא וואסער . ווייל דיא ערד איז גיגראבען געווארען איז דיא געוועזן ווייך . הט מען געזוכט אין דעם נאסען ארט אונ מען האט געפונען אגרויסע גרוב פול מיט ביינער . מיר האבען געלערנט דס איז די גרוב וואס ישמעאל בן נתניה הט איר פול געמאכט מיט טויטע מענטשין . אזוי ווי עס שטייט אין פסוק דער גרוב וואס ישמעאל הט דארט אריין געווארפען אלע טויטע מענטשין :

כתיב : עס שטייט אין פסוק דער גרוב וואס ישמעאל הט דארט אריין געווארפען אלע טויטע מענטשין וואס ער הט זיי געשלאגען דורך גדליה . הט זיא דען גדליה גיהרגת . ישמעאל הט דאך זיי גיהרגת . נאר ווייל גדליה הט געדארפט מורא האבען פר די רייד וואס יוחנן בן קרח
האט

**לא** מיבעי למיחש ליה מיבעי. הנהו בני גלילא דנפיק עלייהו קלא דקטיל נפשא אתו לקמיה דר"ט א"ל לטמרינן מר א"ל היכי נעביד אי לא אטמרינכו חזו ותייכו אטמרינכו הא אמור רבנן האי לישנא בישא אע"ג דלקבולי לא מיבעי למיחש ליה מיבעי זילו אתון טמרו נפשייכו. (במדבר כא) ויאמר ה' אל משה אל תירא מבדי סיחון ועוג אחי הוו דאמר מר סיחון ועוג בני אחיה בר שמחזאי מ"ש מעוג דקמסתפי ומ"ש מסיחון דלא קמסתפי אמר רבי יוחנן אמר רבי שמעון בן יוחאי מתשובתו של אותו צדיק אתה יודע מה היה בלבו אמר שמא תעמוד לו זכותו של אברהם אבינו שנאמר (בראשית יד) ויבא הפליט ויגד לאברם ואמר רבי יוחנן זה עוג שפלט מדור המבול:

גדליה נהרגו: למיחש ליה מיבעי: ושמא הרגתם ואסור להציל אתכם: בני אחיה. שבא משמחזאי ועזאל בני אלהים שירדו בדור אנוש: מתשובתו של אותו צדיק. שהודה הקב"ה להשיב אלא יראה ממנו: עוג פלט מן המבול. שברח לא"י כדאמרי' בחלק:

שאבד בו כלאים. שלא היה מכיר מוס הצמר כנגד הפשתן נתקו ובשר: לא ימכרנו לנכרי. דאתא הנכרי ומזבין ליה לישראל:

(ע"ב) ג **ת"ר** בגד שאבד בו כלאים ה"ז לא ימכרנו לנכרי ולא יעשנו מרדעת לחמור אבל עושה

---

הט גירעט ווס ער הט גזאגט אז ישמעאל קומט אונ ער וועט הרגנן מענטשין. אונ גדליה הט ניט מורא גיהאט. אונ וויל ער הט ניט מורא גיהאט הט ער די זאך ניט פר היט. רעכינט דער פסוק אויף גדליה גלייך ווי א ער וואלט זיי גיהרגת. רבא זאגט אז מען דער צייליט פאר איינעם לשון הרע. אפילו ער דארף ניט אן נעמען פאר אאמת. פון דעסטוועגין דארף ער מורא האבען טאמער איז דס אמת. די מענטשין פון גליל איז ארויס גיגאנגען אויף זיי אקול אז זיי האבען גיהרגה אמענטשין. זענען זייא געקומען פר רבי טרפון אונ האבען גזאגט צו איהם זאל דער רבי אונז בעהארטען. הט רבי טרפון צו זיי גזאגט וויא זאל איך מיט אייך גאהן. אויב איך וועל אייך ניט בעהאלטען. וועט מען אייך זעהן אונ מען וועט אייך הרגנן. איך זאל אייך יא בעהארטען. די רבנן האבען דאך גזאגט אז מען רעט אויף איינעם לשון הרע אפילו מען דארף דס ניט אן נעמען פר אאמת. פון דעסטוועגין דארף מען מורא האבען טאמער איז דס אמת. טאמער הט איר טאקי גיהרגת טאר איך אייך ניט בעהאלטען: גייט איר בעהאלט אייך אליין:

עס שטייט אין פסוק גאט הט גזאגט צו משה דו זאלסט ניט מורא האבען פר עוג מלך הבשן. איז דאך אקשיא סיחון אונ עוג זענען דאך גיוועזן ברידער. ווארום דער רבי הט גזאגט סיחון אונ עוג זענען גיוועזן די קינדער פון אהיה אונ אחיה איז גיוועזן דער זוהן פון שמחזאי (שמחזאי אונ עזאל זענען גיוועזן צוויי מלאכים ווס זענען אראפ געקומען פון הימעל אויף דייר ערד אונ האבען גענומען ווייבער אונ האבען געהאט קינדער. דס זענען די ריזען) פר וואס פר עוג הט משה מורא גיהאט אונ פר סיחון הט ער ניט מורא גיהאט. האט רבי יוחנן גזאגט פון רבי שמעון בן יוחאים וועגין פון די אנטווארט ווס גאט הט גיענטפערט צוא משה קען מען וויסען ווס משה הט גיטראכט אין זיין הארצען. משה הט גזאגט איך האב מורא צו הרגנן דעם עוג טאמער וועט איהם ביי שטיין דער זכות פון אברהם אבינו. ווארום עס שטייט אין פסוק ויבא הפליט ויגד לאברם העברי. דער פליט איז געקומען אונ הט גזאגט צו אברהם דיין ברודערס זוהן (דס איז לוט) איז גיפאנגען גיווארען. אונ רבי יוחנן הט גזאגט דריבער רופט מען אים פליט וייל ער איז גירעטעט גיווארן פון מבול. דריבער הט משה מורא גיהאט איהם צו הרגנן. טאמער דעט בשיצען אויף איהם דער זכות פון אברהם. ביז גאט הט צו איהם גזאגט דוא זאלסט פר איהם ניט מורא האבען ווארום דער זכות פון די מצוה הט זיך שוין אויס גילאזט:

ג תנו רבנן. די רבנן האבען גילערנט אקלייד וואס אין איר איז פארלארען גיווארען כלאים. למשל אין אוואלענע קלייד איז ארין געמישט גיווארען אפאדעם פון פלאקס. אונ מען קען נישט געפינען דעם פאדעם. טאר מען נישט פר קויפען די קלייד צו אגוי. ווארום טאמער

עושה ממנו תבריכין למת אמר רב יוסף זאת אומרת מצות בטלות לעתיד לבא : שנתקו שיניו . מתמת זקנה : נתמעטו מזונותיו . קיין נגל :

# תינוקת פרק עשירי

(דף ס"ט) **א א"ר** חנינא בר שלמיה משמיה דרב כיון שנתקו שיניו של אדם נתמעטו מזונותיו שנאמר (עמוס ד) וגם אני נתתי לכם נקיון שנים בכל עריכם וחסר לחם בכל מקומותיכם :

(דף סט ע"ב) **ב ת"ר** י"ב דברים שאלו אנשי אלכסנדריא את ר' יהושע בן חנניה ג' דברי חכמה ג' דברי אגדה ג' דברי בורות ג' דברי דרך ארץ . ג' דברי חכמה כו' . (דף ע ע"ב) ג' דברי אגדה כתוב אחד אומר (יחזקאל יח) כי לא אחפוץ במות המת וכתוב אחד אומר (ש"א ב) כי חפץ ה' להמיתם כאן בעושין תשובה כאן בשאין עושין תשובה . כתוב אחד אומר (דברים י) אשר לא ישא פנים ולא יקח שחד וכתוב אחד אומר (במדבר ו) ישא ה' פניו אליך. כאן קודם גזר דין כאן לאחר גזר דין. כתוב אחד אומר (תהלים קלג) כי בחר

ה'

---

וועט דער גוי פאר קויפען די קלייד צו א יוד . אונ אז דער יוד וועט ניט זעהן דעם פאדעם פלאקס וועט ער אן טאהן די קלייד . אונ ער טאר ניט מאכען פון דיא קלייד אזאטיל אויף א אייזעל ער זאל רייטען אויף דעם זאטעל . אבער ער מעג מאכען פון דער קלייד תבריכין צו א מת . האט רב יוסף גזאגט פון דאנען ווייסען מיר אז ווען די מתים וועלען אויף שטיין וועט מען שוין ניט דארפען היטען די מצות פון דער תורה . ווארום די מתים וועלען דאך אויף שטיין אן גיטאהן אין זייערע תבריכין ווי אזוי וועט דער מת גיין אין שעטנז . געווים וועלען שוין זיין אלע מצוה בטל אונ מען וועט שוין מעגין גיין אין שעטנז :

## פרק עשירי

**א** אמר . רבי חנינא בר שלמיה האט גזאגט פון רבם וועגין אז דער מענטש ווערט אלט אונ די ציין פאלען פון איהם ארויס . גיט מען איהם שוין פון היכעל ווייניגער פרנסה . אזוי ווי עס שטייט אין פסוק אונ איך האב גיגעבען צוא אייך אייער מויל זאל ריין אונ ליידיג ווערען פון דיא ציין אין אייערע אלע שטעט אונ עס וועט אייך פעלין ברויט אין אלע אייערע ארטער :

**ב** תנו רבנן . די רבנן האבען גילערונט צוועלף זאכען האבען די מענטשין פון אלכסנדריא גיפרעגט ביי רבי יהושע בן חנניה . דריי זאכען חכמה . דריי דרשות פון פסוקים . דרייא ליידיגע זאכען . וואס עס איז ניט נייטיג צו וויסן . דריי וועלטליכע זאכען . ודיא דריי זאכען פון חכמה שטייט אין דער גמרא . וואס זענען גיוועזן דיא דרייא דרשות פון פסוקים . זייא האבען אזוי גיפרעגט . אין איין פסוק שטייט גאט זאגט איך וויל ניט א מענטש זאל שטארבען . אונ אין אנדערין פסוק שטייט גאט האט גיוואלט די קינדער פון עלי זאלען שטארבען . האט רבי יהושע גיענטפערט אז דער מענטש טוהט תשובה וויל ניט גאט ער זאל שטארבען . אונ אז ער טוהט ניט תשובה וויל גאט ער זאל שטארבען . נאך האבען זייא גיפרעגט אין איין פסוק שטייט אשר לא ישא פנים ולא יקח שוחד וגאט קערט ניט זיין פנים צו דעם מענטש. אונ ער נעמט ניט שוחד . אונ אין אנדערין פסוק שטייט ישא ה' פניו אליך וגאט וועט קערין זיין פנים צו דירן . האט רבי יהושע גיענטפערט איידער עס איז נגזר גיווארען אויף דעם מענטשין ער זאל שטארבען . קערט גאט זיין פנים צו דעם מענטש אונ קוקט אויף איהם . אבער אז עס איז שוין נגזר גיווארען אויף דעם מענטש ער זאל שטארבען קערט שוין ניט גאט זיין פנים צוא דעם מענטש אונ ער קוקט שוין ניט אויף איהם . נאך האבען זייא גיפרעגט אין איין פסוק שטייט גאט האט

אוים

בן שונמית. שהחיה אלישע : מהו מיטמא . לאחר שהחייהו מי הטיב כמת : נחכים להן . מתיישב בדבר : לאוהביו מסגר ממה שלפניו . כך הכמה

ה' בציון וכתיב אחד אומר (ירמיה לב) כי על אפי ועל חמתי היתה לי העיר הזאת למן היום אשר בנו אותה ועד היום הזה כאן קודם שנשא שלמה את בת פרעה כאן לאחר שנשא שלמה את בת פרעה . ג' דברי בורות אשתו של לוט מהו שתטמא אמר להן מת כטמא ואין נציב מלח כטמא . בן שונמית מהו שיטמא אמר להן מת מטמא ואין חי כטמא . מתים לעתיד לבא צריכין הזאת שלישי ושביעי או אין צריכין אמר להן לכשיחיו נחכים להן א"ד לכשיבא משה רבינו עמהם . ג' דרך ארץ מה יעשה אדם ויחכים אמר להן ירבה בישיבה וימעט בסחורה אמרו הרבה עשו כן ולא הועיל להם אלא יבקשו רחמים ממי שהחכמה שלו שנאמר (משלי ב) כי ה' יתן חכמה מפיו דעת ותבונה . תנא ר' חייא משל למלך בשר ודם שעשה סעודה לעבדיו ומשגר לאוהביו ממה שלפניו מאי קמ"ל דהא בלא הא לא סגי . מה יעשה אדם ויתעשר אמר להן ירבה בסחורה וישא ויתן באמונה אמרו

---

אוים דער וועלט אין ציון . אונ אין אנדערן פסוק שטייט גאט הט גזאגט אויף מיין צארען אונ אויף מיין כעס איז ביי מיר גיוועזן די שטאט פון דעם טאג וואס מען הט איר אויף גיבאהט ביז הי נטיגען טאג . הט רבי יהושע גיענטפערט איידער שלמה המלך הט גענומען די טאכטער פון פרעה . הט גאט ליב גיהאט די שטאט ציון . אבער דער נאך וויא שלמה הט שוין גינומען די טאכטער פון פרעה איז גאט אין כעס גיוועזן אויף די שטאט ציון :

וואס זענען די דריי ליידיגע זאכען וואס זיי האבען גיפרעגט . אויב דאס ווייב פון לוט איז מטמא אדער ניין . הט רבי יהושע גזאגט אטויטער מענטש איז מטמא אבער אשטיק זאלץ איז ניט מטמא . אונ פון לוטס ווייב איז דאך גיווארען אשטיק זאלץ . נאך האבען זיא גיפרעגט דער זוהן פון די שונמית וואס ער איז גיוועזן גישטארבען אונ אלישע הט איהם לעבעדיג גימאכט איז ער מטמא אדער ניין . הט רבי יהושע גזאגט אטויטער איז מטמא אבער אלעבעדיגער איז ניט מטמא . אונ ער האט דאך גילעבט . דורך אנם אדער ניט דורך אנם איז אלין דס ווערביגע : נאך האבען זיי גיפרעגט די מתים וועלען לעבעדיג ווערין וועט מען דארפען אויף זיי שפריצען די וואסער פון די פרה אדומה דעם דריטען טאג אונ דעם זיבעטען טאג אדער ניין . הט רבי יהושע צו זיי גזאגט אז זייא וועלען לעבעדיג ווערין וועלען מיר דאמאלס קלערין דעם דין . אנדערע זאגען אזוי האט רבי יהושע גזאגט אז משה רבינו וועט קומען מיט זיי וועט ער אונז זאגען דעם דין :

וואס זענען גיוועזן די דריי וועלטליכע זאכען וואס זיי האבען גיפרעגט . וואס זאל אמענטש מאהן ער זאל קלוג ווערין אין דער תורה . הט רבי יהושע גזאגט ער זאל פיל זיצען אויף איין ארט אונ לערנען אונ ער זאל ווייניג האנדלען . האבען זיי גזאגט פיל מענטשען האבען אזוי גימאכט אונ עס הט זיי ניט גיהאלפען וויא זענען ניט גיווארען חכמים אין דער תורה . נאר ער זאל בעטען ביי גאט וואס די חכמה איז זיינע ער זאל איהם געבין חכמה . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק גאט וועט געבין חכמה . פון זיין מויל וועט גיגעבען ווערין וויסענשאפט אונ פערשטאנדיגקייט . רבי חייא הט גילערנט דס איז גלייך צו אמלך וואס הט גימאכט אסעודה פאר זיינע קנעכט . צו די מענטשין וואס דער מלך הט זיי ליב נעמט דער מלך אשטיקל פון זיין חלק אונ גיט זיי . ביי גאט איז אויך אזוי . ער הט בשאפען חכמה פאר די גאנצע וועלט . נאר צו די מענטשין וואס גאט הט זייא ליב . גיט ער זיי חכמה בזונדער פון זיין מויל . פרעגט דיא גמרא אז צו האבען חכמה דארף מען בעטין ביי גאט . פר וואס הט רבי יהושע גזאגט אז מען דארף פיל זיצען אויף איין ארט אונ לערנען וועט מען האבען חכמה . ענטפערט די גמרא איינס אן דאס אנדערע העלפט ניט . אז מען לערנט פיל אונ מען בעט צוא גאט . קען מען ווערין אהרם אין דער תורה . נאך האבען זיי גיפרעגט וואס זאל אמענטש טאהן ער זאל רייך ווערין .

הט

אמרו ליה הרבה עשו כן ולא הועילו אלא יבקש רחמים למי שהעושר שלו שנאמר (חגי ב) לי הכסף ולי הזהב מאי קמ"ל דהא בלא הא לא סגי. מה יעשה אדם ויהיו לו בנים זכרים אמר להן ישא אשה ההוגנת לו (דף עא) ויתקדש עצמו בשעת תשמיש אמרו הרבה עשו כן ולא הועילו אלא יבקש רחמים ממי שהבנים שלו שנאמר (תהלים קכז) הנה נחלת ה' בנים שכר פרי הבטן מאי קמ"ל דהא בלא הא לא סגי. מאי שכר פרי הבטן א"ר חמא ברבי חנינא בשכר שמשהין עצמן בבטן כדי שתזריע אשתו תחלה נותן לו הקב"ה שכר פרי הבטן:

(דף עג) ג תנא דבי אליהו כל השונה הלכות בכל יום מובטח לו שהוא בן עולם הבא שנאמר (חבקוק ג) הליכות עולם לו אל תקרי הליכות אלא הלכות:

שהיה לאוסכיו של מקום נתנה נהם מפיו ולא מאומר אחר: מאי קמ"ל. ל"ל למימר לגו ירבה בישיבה הואיל ברחמים הדבר תלוי: ויקדש עצמו. לשמש בצניעות שמשהין להוליא את הזרע: הלכות משנה וברייתא הלכה למשה מסיני:

# סליק מסכת נדה

ספר

---

האט רבי יהושע גזאגט ער זאל פיל האנדלען אונ זאל ערליך האנדלען. האבען זיא גזאגט פיל מענטשין האבען אזוי גיטאהן אונ עס האט זיי ניט גיהאלפען זיי זענען ניט רייך גיווארען נאר ער זאל בעטין ביי גאט וואס די רייכקייט איז זיינע ווער זאל איהם רייך מאכען. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק גאט זאגט צו מיר גיהער דיא זילבער אונ צו מיר גיהער די גאלד. פרעגט דיא גמרא או רייך צו ווערין דארף מען בעטין ביי גאט. פר וואס הט רבי יהושע גזאגט אז מען דארף פיל האנדלען. ענפערט דיא גמרא איינס אן דאס אנדערע העלפט נים. מען מוז פיל האנדלען אונ ערליך האנדלען אונ בעטין צו גאט אויך. ווערט מען רייך ווערין. נאך האבען זיי גיפרעגט וואס זאל א מענטש טאהן ער זאל האבען קינדער זכרים. הט רבי יהושע גזאגט ער זאל נעמען אזוי א ווייב וואס זי פאסט פאר איהם. אונ ער זאל משמש המטה זיין מיט פרומקייט. האבען זייא גזאגט פיל מענטשין האבען אזוי גיטאהן אונ עס האט זייא ניט גיהאלפען ווייא האבען ניט גיהאט קינדער זכרים. נאר ער זאל בעטין ביי גאט ער זאל איהם געבין קינדער זכרים. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק הנה נחלת ה בנים שכר פרי הבטן ועס איז אמתנה פון גאט צו האבען קינדער זכרים. עס איז א גוטע בעלוינונג פון גאט דיא פרוכט פון בויך. דאס קינדער האבען איז א בעלוינונג פון גאט פר די מצות אונ מעשים טובים וואס דער מענטש טוהט. פרעגט די גמרא אז קינדער צו האבען דארף מען בעטין ביי גאט. פר וואס האט רבי יהושע גזאגט אז מען זאל נעמען אפרומע ווייב אונ מען זאל משמש המטה זיין מיט פרומקייט. ענפערט די גמרא איינס אן דם אנדערע העלפט ניט. אז מען הט א פרומע ווייב אונ מען איז משמש המטה מיט פרומקייט. אונ מען בעט ביי גאט. הט מען קינדער זכרים. פרעגט די גמרא וואס מיינט דער פסוק שכר פרי הבטן (די פרוכט פון בויך איז א שכר). צו וואס ווערט דער מאנט דער בויך. זאל דער פסוק זאגען קינדער האבען איז א שכר. הט רבי חמא ברבי חנינא גזאגט. אזוי מיינט דער פסוק ווייל דער מאן האלט אויף די זרע ווען ער איז משמש המטה אין זיין בויך. ביז פריער זאל ארויס גיין די זרע פון זיין ווייב. גיט איהם גאט זיין שכר ער זאל האבען קינדער זכרים (אזוי ווי עס שטייט אין פרק שלישי סימן ט):

ג תנא. דבי אליהו הט גילערונט דער וואס לערונט דינים אלע טאג. איז ער פאר זיכערט אז ער וועט האבען עולם הבא. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק הליכות עולם לו. זאלסט ניט לייענען הליכות. נאר זאלסט לייענען הלכות דינים. דער וואס לערונט דינים. עולם לו. וועט זיין עולם הבא זיינע. ער וועט האבען עולם הבא:

ספר